שנה ד'
נומער 162
**פרשת משפטים**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



## דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין שטעטל ר' יתרו






נייעס:
אדמו"ר מסאטמאר שליט"א איז מנחם אבל חבר הנהלה מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו

גראמען:
מיט א צדיק אדער אן א צדיק

תלמוד תורה
היכל הקודש
ירושלים
באזוכט אין
יבניאל אינעם
טאג פונעם
יארצייט

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן,
ישראל דוד העסקעל, הערשל לויפער, אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא
שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169



בריוון פוןליינער
א גריס פון תפיסה

3

צום פינטל
נעשה ונשמע
מיט בלעכענע
הויזן

6

שטעטעל ניייעס
אדמו"ר
מסאטמאר
שליט"א
מנחם אבל
משפחת מזרחי

10

מיט א טיפערן בליק
די קוה האט
אויך א דעה


16

קינדער אפטיילונג
מעשה פון
תפלה פאר
קינדער

29

בילדער אפטיילונג
הילולת מוהרא"ש
ארום די וועלט

33


## זמנים Liberty
משפטים כ"ז שבט תשפ"ג

הדלקת הנרות.........05:16
מוצאי שבת............06:47

מנחה מעריב תרומה ... 06:35

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי"ו**

**וזוגתו ביילא תחי'**

**צו זייער נייע אינגל בעבי**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו**

**וזוגתו מייטא תחי'**

**צו די אפשערן פון זייער זון הערשי נ"י**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה קלמן וועבערמאן הי"ו**

**וזוגתו רחל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דא אין שטעטל

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 17 | 45°/13° | AM Rain/Snow |
| Sat 18 | 35°/24° | Sunny |
| Sun 19 | 44°/31° | Mostly Cloudy |
| Mon 20 | 47°/37° | Showers |
| Tue 21 | 49°/36° | Showers |
| Wed 22 | 43°/27° | Rain/Snow Showers |
| Thu 23 | 39°/21° | Snow Showers |
| Fri 24 | 32°/19° | AM Snow Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א





## בריוו צו די
# רעדאקציע

### אונז געכאפט ביי די גניבה

לכבוד די חשובע מערכת "קרית ברסלב בלעטל".

א גרויסן יישר כח פאר די 'ערליכע' און 'הערליכע' אויסגאבע וואס זעטיגט די נשמה און ברענגט אריין אין שטוב א גאנצע וואך א מורא'דיגע פרייליכע אטמאספער, מ'קען שוין קוים אויסווארטן אויף ערב שבת צום נייעם אויסגאבע.

אזוי ווי איך בין אן ארץ ישראל'דיגע ליינער און צוהערער, האב איך געוואלט ארויס ברענגען א נקודה: ס'זעט מיר אויס ווי אונזערע 'ברסלב'ער ברידער' אין חוץ לארץ קוקן אן אז אין ארץ ישראל איז די לופט עפעס אנדערש, ס'איז עפעס מער, ס'הערט זיך פון צווישן די ווערטער און די שורות די קנאה וואס הערשט, כאילו אז אין ארץ ישראל איז אלעס זילבער און גאלד און אלעס איז גלאטיג, ממש מ'שפירט און מען אטעמט דעם אייבערשטן. אבער מיר ארץ ישראל'דיגע הערן זיך צו צו די האטליין און אונז הערן דארטן זועלכע דערהויבענע זאכן, איך קוק אן די שטעטל איינוואוינער פאר מלאכים אין געשטאלטן פון מענטשן! דער יצר הרע האט מען אינגאנצן פארטריבן, ס'אינטערעסירט נישט גשמיות, געלט, קליידער, א.ד.ג. מען לעבט נאר מיטן אייבערשטן צווישן די וועלדער!!

נאך א זיסע מעשה האב איך געוואלט מיטיילן... אזוי ווי מיר זענען 'אנוסים', באהאלטענע תלמידי היכל הקודש איז אבער נישט מעגליך נישט איבערצולאזן שפירן! און

מ'האט אונז געכאפט ביי די גניבה... מיין קליין מיידל איז איינגעשטאנען ביי א קרוב אונזערע, איין טאג קלינגט מען מיך זאגן אז מיין מיידל זאגט אז איר טאטע איז... נישט מער און נישט וויניגער, א... "ב-ר-ס-ל-ב-ע-ר-ר"!!! גלייך האב איך איר געפרעגט אזוי ציטערדיג: "פון וואו נעמסטו עס?", ענטפערט זי מיך אז מיין טאכטער האט זיי געזאגט: "מיין טאטע רעדט אסאך פון די אייבערשטער!"... פרעג איך איר: "וואס הייסט ביי אונז (ענק...) רעדט מען נישט פונעם אייבערשטן?", ענטפערט זי מיט א מורא'דיגע תמימות: 'יא' אבער אין ברסלב שטייט מען גאר שטרענג אויף דעם!"

שכח אייבערשטער אז דאס זענען אונזערע עוולות!...

א גרויסן יישר כח, און הצלחה אויף ווייטער.

א שטענדיגע ליינער - ירושלים עיר הקודש

### א גריס פון די אידן אין תפיסות

**רעדאקציע:** ווי אלע ווייסן האט דער ראש ישיבה געשטעלט האברך מו"ה משה עקשטיין הי"ו פון שטעטל צו שיקן אינגעלייט באזוכן די אידן אין די תפיסות ארום די שטעטל, וואס דאס איז א גרויסע מצוה, מען איז מחי' די אידן וואס זיצן דארט איינזאם אליין.

מיר לייגן דא אריין אין בריוו וואס איינע פון די אידן וואס זיצן אין תפיסה האבן געשיקט צום ראש ישיבה שליט"א, ארויסברענגענדיג זיינע געפילן פון **די באזוכן וואס ער האט פון די אינגעלייט.**

**מיר ציטירן דא זיינע ווערטער:**





For the last several months members of your community have been visiting. I am incarcerated at Shawangunk Correctional Facility - בית אסורים. I love the visits. My mishpacha does not visit and stopped contact years ago while I've been in prison. I have not seen my family in 11½ years. The Breslov visitors, including Rabbi [illegible] from Boro Park, are so leibadik (lively) and caring. They even learn Torah with me. An example is the great visit I had from [illegible] on the 4th day of חנוכה. We learned Torah and had fun for 3 hours!

All of the visitors have been wonderful. Thank you for telling them how important it is to visit Jewish prisoners. Moishe Ekstein is doing an excellent job coordinating visits and I've appreciated his personal visits.

If there is anything I can do for you and the community please do not hesitate to ask. [illegible] Ari [illegible] and other people have been so kind and generous with me. I'm trying very hard to be released now instead of July 7th, 2028 to do Kiddush Hashem many times in freedom!!! I will celebrate, sing, dance, and give thanks to my new friends. I will sing, dance, and give thanks to Hashem who can release me at any time!!!!!!! Yes, I must do histadlus, but, Hashem is the driver.

With Chanukah blessings,

בעזרת השם יתברך

# ענבי הגפן בענבי הגפן
# דבר נאה ומתקבל

מיט הארציגע ברכות טוען מיר וואונטשן א ווארימ

ברכת מזל טוב

פאר אונזער פריינט, דער גרויסער מפיץ

הבחור החשוב

## החתן **מרדכי לייב טירנויער** הי"ו

צום פרייליכן מאמענט

ווען דער אייבערשטער האט געהאלפן

אז ער האט זוכה געווען צו טרעפן זיין שידוך

למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

**עב"ג הכלה החשובה תחי'**

**בת מו"ה יעקב יואל כהן הי"ו**

און צו די זעלבע צייט וואונטשן מיר א ווארימע ברכת מזל טוב פאר די

חשובע זיידעס

בראש וראשון

**הרה"ח ר' אברהם חיים פארקאש שליט"א**

וואס האט געהאט די זכי' אז ער האט אוועקגעגעבן פון זיין שטוב פאר

בית המדרש היכל הקודש קרית יואל, און באגלייט עס מיט גרויס

איבערגעגעבנקייט ביזן היינטיגן טאג

און אזוי אויך פארן חשובן זיידן

**הרה"ח ר' אברהם כהן שליט"א, אב"ד נאסאד**

וואס העלפט ארויס אנשי שלומינו מיט גרויס געטריישאפט בכל עת מצוא

ביי דעם געלעגענהייט ווילן מיר אויסדרוקן אונזער געוואלדיגע

הכרת הטוב פארן חתן ני"ו פאר זיין ברייטהארציגקייט מיט דעם

וואס דער גרויסער מפיץ האט געהאט די זכי' צו זיין דער

נדבן פונעם גרויסן חדר הדפסה אינעם בנין פון קרן הדפסה

פון וואו צענדליגע טויזנטער ספרים און קונטרסים ווערן געדרוקט

וואויל איז דיר מרדכי לייב, אשריך ואשרי חלקך! דו האסט די זכיה צו האבן א חלק אין אלע אקטיוויטעטן פונעם קרן הדפסה. דו ביסט א גלייכע שותף אינעם דרוקן פון די אלע הייליגע ספרים, קונטרסים און סידים וואס ווערן פארשפרייט פון דא פאר טויזנטער און טויזנטער אידן איבער די וועלט!

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, דער באשעפער זאל דיר בענטשן מיט בני חיי ומזוני רוויחי, עס זאל ארויסקומען פון אייך ערליכע און לעכטיגע אידישע דורות!

וואונטשן

הנהלת קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב



# צום פינטל.

## נעשה ונשמע מיט בלעכענע הויזן

**ער מישט... ער מישט... מישט אהער מישט אהין, בלעטל'ט אהער בלעטל'ט אהין... אבער ווי עס זעט אויס קען ער נישט געפינען וואס ער זוכט.**

פון דער זייט קוק איך מיך צו מיט א האלבע אויג, איך קוועל פון נחת אז ברוך השם מיין זון בלעטל'ט אינעם חומש, א בחינה האט ער נישט, און איך האב אים אויך נישט געשטעלט פאר א קרייץ פארהער, געלויבט דעם אייבערשטן אז ער זוכט עפעס אינעם חומש, ברוך השם אז דאס איז וואס ליגט אים אין קאפ אין די פרייע צייט פון חדר, ווער ווייסט אפשר זוכט ער עפעס א ראשי תיבות אויף זיין נאמען, אדער גאר האט זיין מלמד זיי געזאגט עפעס א חידה וואס ליגט באהאלטן אין די פרשה... ווער ווייסט.

ווי א גוטער טאטע, שטיי איך אין די זייט, איך גיי מיך נישט מישן אין זיינע זאכן, לאז אים אליין וואקסן, אדרבה זאל ער אליין זוכן און געפינען אין די תורה וואס ער זוכט.

ער מישט די בלעטער אין פרשת יתרו, אלע באהאלטענע שיינע ענינים זע איך האט ער שוין געטראפן, זיינע אויגן האבן שוין געספא"ט דעם 'ויהי ממחרת'... יא! עס איז א פסוק אין פרשת יתרו, אזוי נישט קוקענדיג... האב איך באמערקט דאס שמייכל וואס האט זיך ארויפגעצויגן אויף זיין פנים, זעט אויס אז ער האט זיך דערמאנט די זעלבע זאך וואס איך האב מיך דערמאנט ווען איך האב געטראפן דעם 'ויהי ממחרת' ביים מעביר סדרה זיין...

אבער ניין ער זוכט ווייטער, זעט אויס אז נישט דאס האט ער געזוכט, איך לערן ווייטער מיינע פרקים משניות אויף מיין פלאץ, אבער איך האלט מיט מיט א האלבע אויג ווי ער מישט ווייטער, יעצט מישט ער שוין אריין צו די הפטורה, אפשר אין די הפטורה וועט ער טרעפן וואס ער זוכט, נאך א שמייכל האט זיך אים אויסגעצויגן אויף זיין פנים, דא האב איך שוין נישט געקענט באהאלטן מיין נייגער, וואס איז שוין דא צו שמייכלען אין די הפטורה, איך געב אים א פרעג: "וואס האסטו דארט געטראפן? וואס גייט פאר? ס'דא עפעס א ווערטל אין די הפטורה?" ניין! זאגט ער, עס איז פשוט אינטערעסאנט ווייל אין די פרשת שטייט ויהי ממחרת! און אין די הפטורה שטייט "וינועו אמות הסיפים", ס'איז זייער אינטערעסאנט געווען פאר זיין יונג מח'ל צאמצושטעלן די צוויי פסוקים, איך האב נאך דאן נישט געהאט געלערנט די הפטורה, אבער איך האב הנאה געהאט ווי די קאפ ארבעט אים, ווי ער האט שיין צאמגעשטעלט די צוויי פסוקים ויהי ממחרת מיט וינועו אמות הסיפים, איך טראכט צו מיר: דא קען נאר אזא איינער לאכן, נאר דער וואס הערט גוט אויס די שיעורים פון מוהרא"ש און פונעם ראש ישיבה.

איך האב טאקע גוט הנאה געהאט אז ער איז גוט מחונך, א ברסלב'ע יונגל, אבער איך זע ווי ער איז ווייטער נישט צופרידן ער זוכט, ער מישט, ער בלעטל'ט, צום סוף געבט ער מיר א שמיר אונטער דעם חומש: טאטי! עס שטייט נישט די ווערטער "נעשה ונשמע" אין די גאנצע סדרה! ווי אזוי קען עס זיין?

און ער איז נישט מער ווי גערעכט, דא ברענגט יעדער אהיים נעשה ונשמע קרוינען, די מאמע האט געבאקן צוויי פיינע נעשה

ונשמע בארכעס, די באבע האט אריבער געשיקט לכבוד שבת מתן תורה, צוויי ספעציעלע נעשה ונשמע קוגלען, אלע תורה'ס און ניגונים דרייען זיך ארום דעם נעשה ונשמע, און ניטאמאל שטייט עס אין די תורה!? א שטארקע קשיא!

ווי נישט, איך בין דאך פונעם אלטן דור, איך קען באשטיין אביסל א טשעלענ"דש, איך גיי אים נישט שוין געבן א פאק אויס די תירוץ אין איין מינוט, אז עס איז שוין יא אזוי זאל ער אביסל שוויצן דערפאר, איך געב אים א זאג: שעפעלע געב נישט אויף, זוך נאך אביסל, זוך! הפך בה והפך בה... אבער טאטי! איך האב געזוכט און געזוכט איך האב דורכגעקוקט יעדעס ווארט אין די גאנצע פרשה, און... עס שטייט נישט די ווארט נעשה ונשמע!? איך געב נישט אויף און ער געבט נישט אויף, ער זוכט און איך לאז אים זוכן...! זוך אביסל ארום וועסט עס טרעפן.

די וואך מיטוואך, עס איז נישט אזא לאנגע סדרה פרשת משפטים, אזוי בשעת'ן מעביר סדרה זיין קומט ער צו לויפן מיט איין שמחה: טאטי איך האב עס געטראפן! ער ווייזט מיר אינעווייניג אינעם חומש **ויקח ספר הברית ויקרא באזני העם ויאמרו כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע.**

זעסט איך האב דיר געזאגט אז דו וועסט עס טרעפן, איך האב אים צוגעגעבן, די ווייסט עס זענען דא אסאך מענטשן וואס ווייסן נישט אז עס שטייט נישט די ווערטער "נעשה ונשמע" אין פרשת יתרו, דאנק דעם אייבערשטן אז דו ביסט מעביר סדרה און דו לייגסט צו קאפ און דו האסט אויפגעכאפט אז עס שטייט אין פרשת משפטים און נישט אין פרשת יתרו.

אבער דאס האט מיר שוין געמאכט טראכטן... קענסט די באקאנטע קשיא, לאו דווקא ביי דעם שטיקל, נאר בכלל די אידישע קאפ פרעגט אלעמאל, הא גופא קשיא?! פארוואס טאקע?! און דא טאקע פרעגסט זיך אויף די קשיא, און בענאזאם... מיין זון געבט זיך א כאפ ארויף אויפן וואגן: טאטי! פארוואס טאקע? פארוואס טאקע שטייט עס נישט ביי מתן תורה, פארוואס שטייט עס הערשט נאר שפעטער ווען די תורה דערציילט אז משה רבינו האט זיי פארגעליינט די תורה דעמאלטס שטייט אז זיי האבן געזאגט נעשה ונשמע.

***

**ער מישט... ער מישט... מישט אהער מישט אהין, בלעטל'ט אהער בלעטל'ט אהין... אבער ווי עס זעט אויס קען ער נישט געפינען וואס ער זיכט...**

אבער פיל ווייטאגליכער ווי דאס וואס מיין זון זוכט... זוכט ער דער יונגערמאנטשיקל... ער מישט... ער זוכט... ער זוכט זיין נשמה איז עפעס נישט צופרידן... וואס גייט פאר? וואס זוכסטו? איך האף, איך בענק, איך וויל אזוי שטארק אז דאס זוכן זיינע זאל בלייבן נאר אין די חומש אין אין הפטורה, און ערגסטן פאל אין די מפרשים אבער נישט ווייטער.

אבער ליידער האט זיך עס אויסגעשטעלט ער האט אנגעהויבן זוכן, אנגעהויבן האט זיך עס אלס א סורט"ש ענ"ד רעסקי"ו (חיפוש והצלה בלע"ז) די זוך אקציע איז טאקע נאר געווען אינערהאלב די תורה, אבער נישט געפינענדיג את שאהבה נפשו, נישט קענענדיג געפינען א קוואל וואס זאל שטילן זיין דורשט, איז ער מיט א פיס אריין אין ספרי חקירה, און רבונו של עולם פון דארט ביזן תהום איז דאך שוין ממש א קליין שטיקל שיטראק... אין שאול תחתית דארט איז שוין זייער ברייט, עס איז נישט דא וואס צו זוכן דארט, אבער מען קען דארט זוכן אין גארנישט געפינען פאר זיייער א לאנגע צייט...

ער האט נישט באקומען די ריכטיגע נערונג, און אנגעהויבן זוכן מיט א תמימות, ווען אינמיטן זוכן האט ער זיך באגעגענט מיט די הערליכע וינועו אמות הסיפים, דאס איז שוין טאקע געווען ביים קלימאקס, ווען די מוזיק האט געבראכן דאס שא-שטיקלייט, און מיט איין דינער'דיגען בראך אריינגעריסן דעם טויזנט קעפיגער עולם אינעם געדריי פון נאסע דביקות'דיגע שלענגעלערייען, הונדערטער טויזנטער רייען פון ענדלאזע רינגען, אוח! די רייכע ארקעסטערע אזוי הימליש קינצלעריש ארייצופלעכטן ניגונים איינס אריין אינעם צווייטן, עס זעט נישט אויס ווי עס ענדיגט זיך די גן עדן, נישט אויסגעלאזט קיין חסידישער הימנע, קיין שום חסידישע קאמפאזיטאר איז געבליבן אומבארירט, אנגעהויבן פון דורכגעווייקטע קארלין-סטאלינער מעלאדיעס, אין פון איין היכל אריין צום מוזידזער חדר, און פאכמאניש דער וועלט פון חב"ד, אוח א וואלכעל, א מארש'ל, א יענקל

תלמיד'ס, ביז צו א רבי יונטעל, אה מה נהדר היה מראה, אוי די מראה ווי זאגט ער אוח פרודזשעקטורים ליכטן אורות אוראט... די נשמה ווערט א מינוט צו מינוט זאטער! דאס איז עס! דאס איז וואס זי האט אזוי געזוכט, אוי הלואי זאל דער רבי חתונה מאכן יעדן טאג, ווייסטו וואס כאטש איינמאל א וואך, די קלימאקס... די מוזיק געבט זיך פלוצלונג א שטעל אפ די אויערן קלינגן נאך, די געפילן שוועבן נאך, און פון דערוויייט ווייטענס דערזעט מען דעם רבי'ן ערשיינען, אלע פראכטן אין דער וועלט, אה דער רבי וואונטשט, דער רבי געבט איבער זיינע הייליגע דברות קודש.

**וינועו אמות הסיפים,** די ווענט האבן זיך געשאקלט!

דער נאכט איז פארביי

דער יונגערמאן קומט אהיים אויף א היי

עס קומט א טאג פון דאס ניי

מיט די נעכטיגע השפעות וויל ער געבן א טריי

**ויהי ממחרת** די השפעות זענען טאקע געבליבן,

אבער ווי בין איך אין די וועלט...

אוי א געוואלד אוי א געשריי

***

**ער מישט... ער מישט... מישט אהער מישט אהין, בלעטל'ט אהער בלעטל'ט אהין... אבער ווי עס זעט אויס קען ער נישט געפינען וואס ער זוכט...**

דאס מאל האט מען אויס געוואוירט, אין עס איז געלונגען צו קויפן א גוטען זיץ, דאס מאל וועל איך מיך זעטיגן מיין נשמה מיט די הערליכע ימים נוראים, עס איז נישט צום באשרייבן די תשרי, אוי ווי זיס דער גאט פון אידישע קינדער האט אזוי שיין אויסגעשטעלט די הייליגע טעג, עס הייבט זיך אן מיט א' סליחות, עס טריפט שוין אין הארץ א פרייד טרערן גיסן שוין ווען מען זעט נאר די מחזה הוד די פערפעל שווארצע טעפיך וואס באדעקט די קעפ, אוי מי כעמך ישראל, די גאסן ווערן פון אויבן נענטער צום ליכטיגער קאליר אבער די גאסן ווערן ווי א מינוט געדעכטער און שווארצער געפאקטע גאסן ווערן איבערגעפילט פון די טויזענט קעפיגער עולם וואס שטורעמט כי שם לבו שואף זורח.

און די קלימאקס איז שוין אנגעקומען שטייענדיג צעקוועטש צווישן אלפי אלופי רבבות ישראל, און עס רייסט זיך ארויס דעם ערשטן אמן יהא שמיה רבא, אוי די התעוררות ברעכט דורך אלע וועלטן.

***

ויהי ממחרת

**ער מישט... ער מישט... מישט אהער מישט אהין, בלעטל'ט אהער בלעטל'ט אהין... אבער ווי עס זעט אויס קען ער נישט געפינען וואס ער זוכט...**

א דורשטיגע נשמה זוכט און נישטערט דא געבט זיך א צושמייכל ווען עס קומט א וינוע אמות הסיפים, אלע ווענט ציטערן פונעם זעקסטע הקפה פונעם קדיש תתקבל

אה די פייער פלאקערט ביי די הדלקה ל"ג בעומר עס צינדט אן אלע געפילן, עס צולאזט אלע גלידער, אבער די ווייטאגליכע 'ויהי ממחרת'..... פארוואס קען מען נישט בלייבן ברענען?

**ער מישט... ער מישט... מישט אהער מישט אהין, בלעטל'ט אהער בלעטל'ט אהין... אבער ווי עס זעט אויס קען ער נישט געפינען וואס ער זוכט...**

וואס איז דאס פארוואס איז מיין נשמה אזוי שוואך פארוואס איז מיין נשמה אזוי אויסגעלאשן, איך בין דאך שוין געווען זיכער אז איך האב באקומען די ריכטיגע ברענשטאף, און איך האב טאקע באקומען, אבער פאר עפעס א סיבה קען איך נישט, עס ברענט אויס נאך יום טוב נאך ימים נוראים, די געזאלין וואס איך באקום פון די שמחת בית צדיקים האלט אן פונקט פאר די שבעת ימי המשתה אבער וואס איז מיט מיר, צו האט מיין גאז טאנק א לאך, פארוואס איז דאס אז ווען איך פארלאז מעמד הר סיני די פייערדיגע קבלת התורה דעם קומענדיגע טאג בין איך שוין ווייטער אויסגעלאשן?

***

מיין זון קוקט מיך אן, ער שטייט נאך אלס דא? אוי שעפעלע טייערער זאג מיר נישט אז דו ביסט מיטגעפלויגן מיט מיר אויף די אלע פלעצער ווי איך בין יעצט געפלויגן, אוי שעפעלע טייערער, א קניפ אין בעקל, דו ווארטס דאך אויף א תירוץ, איך ווייס שוין די תירוץ, אבער דו ווייסט שוין אויך די תירוץ?!

ביי קבלת התורה איז נישט קיין קונץ, נישט דארט וועט די תורה אריינלייגן דעם ספאנטאן

אויסברוך: "נעשה ונשמע" ניין! שעפעלע ווען מען שטייט מיט אפענע הימלען, מלאכי השרת באגלייטן און טאנצן פארן איד, ווען עס קלינגט אפ מסוף העולם, די שכינה אליינס קומט אראפ, די מתמקות אוח! די נשמות פליען ארויס ביי יעדע דיבור עקסטער, עס דינערט עס בליצט, מסוף העולם ועד סופו הערט מען אנכי ולא יהיה לך, אלע פעלקער צוליפן זיך פאר פחד, דא איז נישט קיין קונץ צו שרייען נעשה ונשמע!

ניין! עס איז נישט קיין קונץ, אודאי שרייט זיך פון זיך אליינס ארויס נעשה ונשמע, ווער איז משוגע נישט שרייען נעשה ונשמע מיט מסירת נפש גרייט אריינצוטאנצן אין פייער.

יעצט לאמיר זען, עס הייבט זיך אן א פרישע פרשה ויהי ממחרת...

אוי שלימזל געבארגט און אנגעזעצט... ווערן פארקויפט פאר א קנעכט... ער קומט אליין ער גייט אליין... אוי ווי ווייט א אידיש קינד זיך אזוי דערקייקלען... אזעלכע ווערטער זאגן... איך האב ליב מיין הער מיין ווייב און מיינע קינדער... ווי א חדר יונגל ווערט ער געפירט צום דלת אדער צום מזוזה...

אוי ווי און ווינד א אידיש מיידל ווערט פארקויפט ווי א ביליגע דינסט... נעבעך זיך פארטשעפעט ממש ביז מכה איש ומת... אוי געוואלד שלאגן א טאטע? שלאגן א מאמע?.... גנב'ענען?... גונב נפש ומכרו זאגט זאך רש"י?... ווי בין איך? שעלטן טאטע שעלטן מאמע?... זיך קריגן... א אויג פאר א אויג...

אינגאנצן פארטון אין די ביזנעס... שלאגט זיך וואטש! ווי האקסטו אריין... שוין אריינגעזעצט... אוי אזוי פארטון אין הבלי עולם הזה די קאר (די אקס) האט אים אריינגעקראכט... ער קען נישט וואטשן... שוין נישט דאס ערשטע מאל... מען האט אים דאך שוין געווארענט... העלאו! ווי גראבסטו דא... געב אכטונג... מענטשן שפאצירן דו מאכסט דאך א בור ברשות הרבים... אזא הפקירות גנב'ענען יענעמס בהמה... גזל'נען אוי ווערסטו באצאלן בכפלי כפליים... פייער'ס אנצינדן... קענסט נישט וואטשן אויף יענעמס נכסים איז איין זאך אבער אונס ומפתה?...

אה! נישט אומזיסט האט זיך פרשת משפטים פארדינט איר קלונגעדיגע צונאמען די פרשה פון בלעכענע הויזן, אוי מיט אזוי פיל אכזבות מיט אזויפיל דיסעפוינטמע"נט'ס דארף מען שוין איינמאל גיין מיט בלעכענע הויזן... און דאס איז איינמאל זיכער אז דאס איז די אנדערע קאנטרעס"ט פון די פייערדיגע מתן תורה, עס פינלקט נישט, עס פייערט נישט, אויף אזא צייט דארף מען זיך אנגארטלן מיט אמת'ע ווערטער פון א צדיק, הערן דעם קול פונעם צדיק: ווי דו ביסט, ווער דו ביסט, ביסט אויסגעלאשן, ביסט פארטון אין הבלי עולם הזה, ביסט נאך מיט א שטאפל אראפציר, עס איז שוין ליידער נישט נאר הבלי עולם הזה, ביסט שוין פארקנעכטעט צו דיינע געוואוינהייטן, דער הר סיני פלאמט... יא! עס פלאמט גאר א אנדערע פייער, עס טוט זיך אנדערע קולות וברקים...

עס שטורעמט די מוח נישט קיין איד נישט קיין גוי, הער די קול פונעם צדיק: דער אייבערשטער איז דא! כאפ אריין רעד ארויס פון דארט ווי די ביסט איין ווארט צום אייבערשטן.

דער צדיק דערמאנט דיך אין דיינע אלע פארשמירטע פלעצער, ווי דו ביסט נאר געפאלן, עס איז שוין לאנג ויהי ממחרת, אלע קבלות זענען שוין פאר'ראסט'עט (פארדזשאוועט) געווארן, נו? נו?

**ער מישט... ער מישט... מישט אהער מישט אהין, בלעטל'ט אהער בלעטל'ט אהין... אבער ווי עס זעט אויס קען ער נישט געפינען וואס ער זוכט...**

דא האסטו א ספר, א סידי, נעם צו! נאדיר א קארטל, דא האסטו א נומער ווי מען קען הערן חיזוק, צדיק אנטלויף נישט! דא האסטו א קונטרס, דא האסטו א ווארט! א לעק! א חיזוק יומי, ווען דו ביסט ווייט! ווען דו ביסט אנגעטון אין בלעכענע הויזן, ווען דו ביסט אין משפטים! דו ביסט אין דינים! דו ביסט ווייט פונעם רבי'ן! דו ביסט ווייט פון א ווארימע חסידישע ניגון, דא ווי איך ארבעט הערט זיך מער זיד (סאו"ט) אמעריקאנישער דזשע"ז, דא אידעלע נעם! עס וועט דיר גוט ווערן, קוק אריין דא, עס וועט דיר לעטיג ווערן!

הערסטע? ווען מען גייט אוועק פון קבלת תורה און מען קומט צו מקיים זיין די תורה יעצט איז א קונץ צו שרייען נעשה ונשמע!

# שטעטל נייעס

## אדמו"ר מסאטמאר שליט"א מנחם אבל משפחת מזרחי שיחי'



פארגאנגענע וואך איז אונזער חשובער חבר הנהלה מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו פון קרית ברסלב געזיצן שבעה מיט אלע געשוויסטער, נאך די פטירה פון זייער שוועסטער וואס איז געווען נישט געזונט לא עלינו זינט די צוויי יאר, און ליידער זיך אסאך געמוטשעט אלע יארן, ביז יעצט ווען זי איז אוועק אין עלטער פון דרייסיג יאר.

אפאר טעג איז ר' שבתי נרו יאיר געזיצן שבעה אין שטעטל, און אסאך אנשי שלומינו פון שטעטל זענען אריבערגעקומען מנחם אבל זיין, אויך איז אריבערגעקומען דער שעריף פון ליבערטי און די קאונטי קלערק צו אפגעבן טרייסט ווערטער. אויך איז ר' שבתי נרו יאיר געזיצן שבעה מיט די גאנצע משפחה אין קרית יואל, ווי אסאך אינגעלייט זענען אריבערגעקומען מנחם אבל זיין.

אדמו"ר מסאטמאר שליט"א איז ספעציעל אריבערגעקומען מנחם אבל זיין די גאנצע משפחה, ער האט יעדן עקסטער געפרעגט וואו ער וואוינט און אזוי ווייטער, אויך האט ער געפרעגט ר' שבתי נרו יאיר וואו ער וואוינט, און די תירוץ איז געווען "קרית ברסלב ליבערטי" וואס איז בנשיאות דער ראש ישיבה שליט"א, דער רבי האט געפרעגט ר' שבתי וויפיל משפחות עס ציילט זיך היינט צוטאגס, און וויפיל משפחות פלאנען אין די נאנטע צייט זיך ארויפצוציען אהין, מען האט פארציילט פארן רבי'ן אז ר' שבתי בויעט די הייזער אין שטעטל, דער רבי האט זיך נאכגעפרעגט פונקטליך וויאזוי דאס בויען גייט צו, און אויך אין וועלכע געגענט אין ליבערטי דאס איז און אזוי ווייטער, דער רבי האט זייער הנאה געהאט צו הערן אלע פרטים פון דעם נייעם הערליכן שטעטל וואס בויעט זיך אזוי שיין אויף א באשיידענעם אופן אן קיין עקסטערע פרסום. דער רבי האט אנגעוואונטשן שיין, און דערנאך געזאגט טרייסט ווערטער פאר די גאנצע משפחה.

## באזוך פון חברי הנהלה אין אלבאני



עסקנים פון אראנזש, ראקלענד, און סאליוועין קאונטיס זענען געפארן קיין אלבאני פארגאנגענעם דינסטאג יתרו, זיך צו טרעפן מיט א רייע איינפלוסרייכע פאליטיקאנטן אין די ניו יארק'ער אסעמבלי און סטעיט סענאט, צו שתדל'ן פאר די אידישע געברויכן, וואס איז יעצט עומדים על הפרק.

ווען מען איז אנגעקומען אין אלבאני איז יעדער עסקן פון זיין שטאט געגאנגען צו א אנדערע אסעמבלי, שתדל'ן פאר די געברויכן פון זיין געוויסע פלאץ וואו ער וואוינט.

צוויי חשוב'ע הנהלה מעמבערס מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו און מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו זענען אויך ספעציעל געקומען צו פארן קיין אלבאני, און געזיצן מיט צוויי סענאטארן פון אונזער געגענט און דריי אסעמבלי לייט, אדורכשמועסן נושאים בנוגע אונזערע מוסדות און נאך אסאך ענינים וואס ליגט יעצט אויפן טיש.

שפעטער איז מען זיך צאמגעקומען אלע עסקנים אינאיינעם פאר א קאנפערענץ, אדורכצורעדן אסאך נושאים וואס איז נוגע פאר יעדן איינעם, למשל די נושא פון גזירת החינוך, וואס פלאגט יעדן איינעם, אזוי אויך האט מען גערעדט וועגן די לאנטש פראגראם, די באקסעס פון עסן וואס פלעגט זיין אין קאראנע צייטן, די סעקיוריטי גרענד פאר מוסדות'ער, אדורכגעשמועסט וועגן די נושא פון

<<<<



טרענספאטעישן ביי אידן, וואס מען שטויסט זיך אן אסאך מאל מיט פראבלעמען וואס די שטאט וויל נישט צושטעלן באסעס ביי די צייטן וואס אונז דארפן דאס האבן. און נאך אסאך וויכטיגע פרטים לטובת די מוסדות.

אויך האט מען דיסקוסירט די נושא וואס די ניו יארק טיימס פארדאמט לעצטענס אידישע קינדער גאר אסאך. מו"ה שמחה אייכנשטיין הי"ו אסעמבלימאן אין די 84 דיסקריט האט גערעדט אפאר ווערטער, ער האט זיך באדאנקט פאר יעדן וואס איז געקומען צו פארן פאר דעם איינציגן ציל צו העלפן אידישע קינדער, און ספעציעל האט ער ארויסברענגט לשבח די פרישע ברסלב'ע קהילה קרית ברסלב ליבערטי, מיט זייערע חשובע עסקנים - די חשובע הנהלה, וואס איז זיי געלונגען בסייעתא דשמיא צו איבערדרייען איינע פון די פאליטיקאנטן וואס איז נישט געווען גענויגט צו אידן, און אלעמאל געזוכט אינטערצושטעלן פיסלעך פאר אידן, און די חשובע ברסלב'ע אינגעלייט האבן מיט'ן אייבערשטן'ס הילף איבערגעדרייט אז די פאליטישען זאל זיין אויף די זייט פון די אידן.

די עיקר פון אלעם איז תפילה, אן דעם גייט גארנישט, נאר דער אייבערשטער קען העלפן אידישע קינדער דא אין גלות ווי אונז זענען, מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן אז די גוים זאלן נישט האבן קיין שליטה אויף אונזער חינוך, אונז לאזן לערנען אזוי ווי דעם אויסגעטרעטענעם קלארן ערליכן אמונה'דיגע וועג וואס מיר האבן שוין מקובל דורי דורות.

## דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין שטעטל



פארגאנגענעם דאנערשטאג האט מען געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה איז געקומען פאר א באזוך אין שטעטל, גלייך ביים אנקומען איז דער ראש ישיבה געפארן צום בית המדרש דאווענען שחרית. פון דארט איז דער ראש ישיבה אריבער צום שטוב פון האברך מו"ה סענדי ראטה הי"ו צו רעקארדירן א פרישן אידישן ניגון פארן קומענדיגן אלבום.

דערנאך איז דער ראש ישיבה צוגעפארן צו די נייע אפיסעס פון "פעסט בילד" אנגעפירט דורך מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו וואס בויעט די הייזער אין שטעטל. די חברי הנהלה זענען אויך אריבערגעקומען אין אפיס, דער ראש ישיבה האט דארט ארויפגעלייגט א מזוזה, און דערנאך זיך אראפגעזעצט פאר א לענגערע מיטינג מיט די חשובע הנהלה צו אדורכגיין פונקטליך אלע פרטים אנבאלאנגט די הצלחה פון די שטעטל.

מען האט דיסקוסירט די נושא פון די פרייזן פאר די נייע הייזער, אז דאס דארף קאסטן ביליג, כדי אינגעלייט זאלן דאס קענען דערהייבן, און נישט דארפן אינטערברעכן, מען האט ארומגערעדט פון די פאליטיק וואס עס גייט פאר אינערהאלב די ווילידזש, מען האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב מען זאל ביי די קומעדיגע וואלן אריינשטימען אנדערע קאנדיטאטן וואס וועלן אפשר זיין בעסער צו אידן מער ווי די יעצטיגע, אבער דער ראש ישיבה'ס ענטפער איז געווען מען זאל זיך נישט קריגן מיט זיי, נאר זען צו גיין מיט די מהלך וואס מען האט גענומען פון די ערשטע מינוט ווען מען האט געבויעט די שטעטל, וואס דאס איז "שלום" נישט זיך קריגן מיטן גוי, "מענה רך ישיב חמה". עס איז געווען געגענטער ווי מען האט ארויסגעשטויסן געוויסע קאנדידאטן וואס זענען נישט געווען גוט צו אידן, און מען האט אריינגעשטומט אנדערע, אבער צום סוף האט זיך אויסגעשטעלט אז די נייע זענען אויך נישט גוט געווען צו אידן, די איינציגסטע עצה פאר אלעס איז בעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן אונז נאר העלפן, און נישט שטערן.

פון דארט איז דער ראש ישיבה אריבער אין חדר, ווי ער האט געדאווענט מנחה מיט די קינדער, און דערנאך פארציילט פאר די קינדער א מעשה פון א צדיק, דער ראש ישיבה האט ארום גערעדט די וויכטיגקייט פון מכבד זיין די עלטערן. דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור פאר די חשובע מחנכים, און אויך איז דער ראש ישיבה אריין אין אפאר קלאסן צו געבן שיעורים פאר די קינדער.

ביים סוף איז דער ראש ישיבה אריבער צום בנין פונעם בית הדפוס, און אריין אינעם אפיס פון "מכון עצתו אמונה" אויפן צווייטן שטאק, ביי האברך מו"ה יואל שניטצלער הי"ו וואס שטעלט אהער א געוואלדיגע ארבעט מיטן ארויסגעבן יעדע וואך דעם הערליכן קונטרס "עצתו אמונה" און נאך הייליגע קונטרסים און ספרים, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדריקט "פון דא קומט ארויס א לעכטיגקייט פאר די גאנצע וועלט", אויך האט דער ראש ישיבה באזוכט אינעם ערשטן שטאק דארט ווי מען דרוקט ספרים, קונטרסים און גליונות אן אויפהער יעדן טאג.

פון דארט איז דער ראש ישיבה אהיימגעפארן און שפעטער געגעבן דעם ליל ששי שיעור אין היכל הקודש בארא פארק.



# מעשיות פון תפילה

## שמואל בער שניטצלער - קרית ברסלב:

שכח אייבערשטער אז איך האב די זכי' אנצוגרייטן נעגל וואסער ביים בעט יעדע נאכט כדי איך זאל חס ושלום נישט דארפן אראפטרעטן פון בעט אן נעגל וואסער, וואס דאס איז מסוגל פאר יראת שמים - ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז שטענדיג.

א גרויסע פראצענט פון די יראי שמים וואס גרייטן אן נעגל וואסער נעבן די בעט האבן שוין מיטגעלעבט די מיטמאכעניש אז די טעלעפאן פאלט אריין אין די נעגל וואסער, אט דער עפיזאד האט זיך אפגעשפילט ביי מיר פארגאנגענעם וואך, מיין טעלעפאן איז אריינגעטאנצן אין די נעגל וואסער ווען איך בין שוין געשלאפן און געבליבן דארטן א גאנצע נאכט. אינדערפרי' ווען איך בין אויפגעשטאנען באמערק איך ווי די טאלאפאן שווימט ארום אין די נעגל וואסער אזוי געמיטליך... גלייך האט זיך אנגעהויבן שפילן דעם ניגון אין מיין קאפ: "וואס דארפסטו רעדן מיט האס, ווען דיין פאון איז געווארן נאס"... איך האב ארויסגענומען מיין פאון פון די וואסער און געבעטן דעם אייבערשטן אז די טעלעפאן זאל ארבעטן, און ברוך השם צוויי טאג דערויף האט זיך די פאון אנגעצינדן און ס'ארבעט א מחי'.

## שלמה זולדן - בני ברק:

פון מוצאי ראש השנה זענען אנשי שלומינו פארנומען צו מתפלל זיין אז זיי זאלן זוכה זיין צו זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה, "מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן!" - האט זיך דער רבי' אויסגעדרוקט, נו ווען מ'הערט די ווערטער, זאגט זיך פון זיך אליין: "הייליגער באשעפער העלף מיך איך זאל קענען זיין ראש השנה ביים רבי'ן, און זוכה זיין צו אלע תיקונים".

פון אנהייב יאר בעט איך שוין דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן געלט צו קויפן א טיקעט צו קענען פארן צום רבי'ן ראש השנה תשפ"ה, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב די וואך געקענט קויפן א טיקעט קיין אומאן אויף ראש השנה צוזאמען מיט אנשי שלומינו, פאר גאר א גוטע פרייז.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלע אידן זאלן זוכה זיין צו זיין ביים רבי'ן ראש השנה, און זוכה זיין צו די גרויסע זאכן וואס דער הייליגער רבי' האט צוגעזאגט.

## א. ויזל - ארץ ישראל:

אין די לעצטע שטיק צייט בין איך געווען זייער געדרוקט מיט געלט, שכח אייבערשטער אז איך האב געוואוסט אז קיינער קען מיך נישט העלפן נאר דער אייבערשטער אליין, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל מיר גרינגער ווערן, און אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס אז ווען מ'בעט דעם אייבערשטן טאר עס נישט קומען מיט קשיות און תרעומות חס ושלום, נאר בעטן מיט סבלנות, אזוי האב איך טאקע געטון פאר גאר א לאנגע צייט.

ערב מוהרא"ש'ס יארצייט פרעגט מיך מיין חבר אויב איך וויל קומען צו מוהרא"ש'ס ציון היינט נאכט ביומא דהילולא קדישא, פארשטייט זיך איך האב נישט אפגעזאגט. איך האב געטראכט אז איך וועל זיך דארט אויסגיסן מיין שווערע פעקל און דערציילן דעם אייבערשטן ווי ס'דרוקט מיך אין פרנסה, ווי דער ראש ישיבה איז אונז כסדר מעורר אז ביי א ציון פון א צדיק קען מען אלעס פועל'ן.

וכך הוה, אזוי ווי איך קום אן האב איך זיך געשטעלט אין די זייט און זיך גוט מתבודד געווען, און זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן שפע, ס'גייט נישט אדורך קיין טאג און איך באקום א טעלעפאן רוף פון א גרויסע פירמע אז זיי זענען מיך שולדיג גאר א גרויסע סכום פאר א לענגערע צייט, זיי שיקן מיר עס יעצט...

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט״א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ' שְׁבַט, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד נָתָן נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד קֶען פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה וָואס גְרֶענִיצְט זִיךְ מִיט לֵיצָנוּת; אַזוֹי אַוֶועק צוּ מַאכְן אוּן פְרֶעגְן: ״אַ לְבוּשׁ אִיז נִישְׁט אַזַא חָשׁוּבְ'עֶ זַאךְ״, וֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער יְסוֹד אִין אִידִישְׁקֵייט אִיז דָאס אִידִישֶׁע לְבוּשׁ; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ אַגָּדָה): **״לֹא נִגְאֲלוּ יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם אֶלָּא עַל שֶׁלֹּא שִׁינּוּ אֶת לְבוּשָׁם״**, מִיר זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם נָאר וַוייל מִיר הָאבְּן נִישְׁט מְשַׁנֶּה גֶעוֶוען אוּנְזֶער לְבוּשׁ. אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן דִי מִצְרִיִּים דִי גוֹיִם מִיט זֵייעֶרע אִידִישֶׁע קְלֵיידֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים כו, ה): **״וַיְהִי שָׁם לְגוֹי גָּדוֹל עָצוּם וָרָב״**, דַרְשְׁ'עֶנֶען חֲזַ״ל: **״מְלַמֵּד שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מְצֻיָּנִים שָׁם״**, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן דִי גוֹיִם מִיט זֵייעֶר לְבוּשׁ.

זָאג נִישְׁט אַז אִידִישֶׁע קְלֵיידֶער אִיז נִישְׁט חָשׁוּב, דָאס אִיז דֶער וֶועג פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע; קוֹדֶם קוּמְט עֶר צוּם מֶענְטְשׁ אוּן לַאכְט אָפּ פוּן אֵיין זַאךְ נָאכְדֶעם קְלַאפְּט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קה:): **״כַּךְ אוּמָּנְתּוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע, הַיּוֹם אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ, וּלְמָחָר אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה כַּךְ, עַד שֶׁאוֹמֵר לוֹ עֲבוֹד עֲבוֹדָה זָרָה, וְהוֹלֵךְ וְעוֹבֵד״.**

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין יַבְנְאֵל מֶען זָאל גֵיין שַׁבָּת אָנְגֶעטוּן נִישְׁט נָאר מִיט וַוייסֶע זָאקְן, נָאר אוֹיךְ מִיט אַ וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁע וַוייל דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַשַּׁבָּת, פֶּרֶק ד'): **״צָרִיךְ שֶׁיִּלְבּוֹשׁ בְּכָל שַׁבָּת בְּגָדִים לְבָנִים, לָכֵן אַל יִפְחוֹת מֵאַרְבָּעָה בִּגְדֵי לָבָן, כְּמוֹ מַלְבּוּשׁ עֶלְיוֹן וְתַחְתּוֹן, וְאֵזוֹר, וְחָלוּק״**, שַׁבָּת זָאל מֶען גֵיין מִיט וַוייסֶע קְלֵיידֶער. אוּן רֶבִּי חַיִּים וִיטָאל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט: ״אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מַיין רֶבִּי דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ, אַז **וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אָנְגֶעטוּן שַׁבָּת אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט**״, עַיֵּין שָׁם.

נָאר וִויבַּאלְד מִיר לֶעבְּן צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן שְׁוַוארְץ וְכוּ', קֶענֶען מִיר נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט וַוייסֶע בֶּעקִיטְשֶׁעס וַוייל מִיר וֶועלְן אוֹיסְקוּקְן וִוי אַ חָתָן צְוִוישְׁן אֲבֵלִים, אַלֶע וֶועלְן לַאכְן וְכוּ'; אָבֶּער וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן אִין יַבְנְאֵל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט: ״דָא זֶענֶען מִיר אַלֵיין וְכוּ', קֶענֶען מִיר מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט״.

דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן גֵיין וַוייסֶע זָאקְן שַׁבָּת, וַוייל אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִינְגַאנְצְן וַוייס גֵייט מֶען כָאטְשׁ מִיט וַוייסֶע זָאקְן לְכָבוֹד שַׁבָּת.

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט״א



## גוּטֶע גְרִיסְן

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זאגט: קינדער דארפן נישט קיין תורות און קינדער פארשטייען נישט קיין תורות, קינדער האבן ליב צו הערן שיינע מעשיות. דערפאר זאלסטו זיך אנגרייטן שיינע מעשיות צו דערציילן, וועסטו זען ווי אלע וועלן דיר אויסהערן.

דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, חלק ב', סימן ב): ״סְגֻלָּה לְבָנִים לְהַקְטִין עַצְמוֹ״, א סגולה פאר קינדער איז זיך צו האלטן קליין; מוהרא״ש איז דאס מסביר, אז ווען מען האלט זיך קליין און מען לאזט זיך אראפ צו די קינדער; מען שפילט מיט זיי, מען פארציילט זיי מעשיות, מען אינטערעסירט זיך וואס זיי טוהן, דעמאלט איז מען זייער מצליח מיט זיי.

ווען א מלמד וויל אריין לייגן אין די קינדער יראת שמים און מוסר, איז דא צוויי וועגן; אדער נעמען א מוסר ספר און פארלערנען יעדן טאג א פרק וכו', וואס דעמאלט וועלן בלויז אפאר קינדער אויסהערן, ווייל נישט אלע קינדער זענען אינטערעסירט וכו', אדער איז דא א קלוגער מלמד וואס הייבט אן אזוי: ״קינדער, היינט זע איך אז איר זענט זייער וואויל, וועל איך ענק דערציילן זייער אן אינטערעסאנטע מעשה״. און ווען ער פארציילט די מעשה האלט ער חשבון אריין צו פלעכטן מוסר אין די מעשה וכו', וואס דעמאלט האלטן אלע קינדער מיט. ווייל **יעדעס קינד וויל הערן א מעשה** און נישט נאר א קינד, נאר אפילו דערוואקסענע מענטשן - יעדער הערט אויס א מעשה; דערפאר, אז דו ווילסט אז דיינע קינדער זאלן זיצן ביים שבת טיש זאלסטו **זיך אנגרייטן מעשיות**, וועלן דיינע קינדער דיר אויסהערן.

אז מען האט שוין עלטערע קינדער קען מען אפילו פארציילן נייעס און אריין פלעכטן אין דעם אמונה מיט מידות טובות; דער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן נב): ״מִכָּל הַדְּבָרִים צוֹעֵק כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, וַאֲפִילוּ מִסִּפּוּרֵי הַגּוֹיִים צוֹעֵק גַּם כֵּן כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ״, פון יעדע זאך שרייט ארויס דער אייבערשטער, **אפילו פון די נייעס פון די אומות העולם הערט מען אויך ארויס דעם אייבערשטן.**



# א מעשה
## פון א צדיק

## אִיךְ וִויל גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי'ן

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן וִויטֶעפְּסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה הָאבְּן אִים אַיינְגֶערֶעדְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר טוּט בִּיזְנֶעס.

אִינְמִיטְן וֶועג צוּ גֵיין צוּם יְרִיד רוּפְט עֶר זִיךְ אָן אַז עֶר וִויל גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאבְּן אִים זַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס - וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען מַלְאָכִים - אָפְּגֶערֶעדְט, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: מֶען וֶועט נָאךְ גֵיין שְׁפֶּעטֶער, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן דִי מַלְאָכִים הָאבְּן אִים אָפְּגֶערֶעדְט.




בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט גֵייט עֶר זֵיי שׁוֹין נִישְׁט פָאלְגְן נָאר עֶר גֵייט צוּ זַיין רֶבִּי'ן, אוּן וִויפִיל זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס לוֹינְט נִישְׁט פַאר דִי גֶעשֶׁעפְטְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט: עֶס גֵייט מִיךְ גָארְנִישְׁט אָן, זָאל אִיךְ פַארְלִירְן מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אִיךְ פָאר צוּ מַיין רֶבִּי'ן! אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁלָאגְן מִיט זֵיי, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: אִיר זֶענְט מַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס אוּן אִיר דַארְפְט מִיר פָאלְגְן.

הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת: זָאלְסְט וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט אַ מֵת - אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דוּ גֵייסְט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ דוּ קוּמְסְט מִיט אוּנְז, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגֶען אִיךְ וִויל גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי'ן! הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: מַה דָאךְ פְרִיעֶר וָואס מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן מִיר דִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין, יֶעצְט וָואס דוּ וֵייסְט שׁוֹין דֶעם אֱמֶת אַז דוּ בִּיסְט טוֹיט אוּן מִיר זֶענֶען מַלְאֲכֵי חַבָּלָה דַארְפְן מִיר דִיךְ זִיכֶער נִישְׁט פָאלְגְן, עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹלוֹת.

בִּיז דֶער בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס דִי קוֹלוֹת זֶענֶען הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט וָואס עֶס גֵייט פַאר, הָאט דֶער בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז זֵיי מוּזְן אִים לָאזְן גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן, וִויבַּאלְד עֶר פְלֶעגְט כְּסֵדֶר גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי'ן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן.

הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט אַ צַדִיק, וֶועט אִים דֶער צַדִיק מְתַקֵן זַיין.

(עצתו אמונה אייר תשע"ו)





# דעם הײליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - כ"א -

**פארזעצונג פון פריער:** דֶער הֵײלִיגֶער רֶבִּי גֶעדִינְט דֶעם אֵײבֶּערְשְׁטְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵײט, אִיז אַײנְגֶעשְׁטַאנֶען בַּײ אִים אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶער צַדִּיק הָאט זֵײעֶר אוֹיסְצוּ'מוּסָרְ'ן דֶעם רֶבִּי'ן, "וִוי פַּאסְט דָאס? דוּ בִּיסְט דָאךְ אַן אֵײנִיקְל פוּן הֵײלִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן אַן אֵײנִיקְל פוּן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע, אוּן דַײן שְׁוֶוער הָאט אוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר נַדְן צוּלִיבּ דַײן גְרוֹיסְן יִחוּס, אוּן לְמַעֲשֶׂה לֶערְנְסְטוּ גָארְנִישְׁט?! אוּן אֲפִילוּ דִי עִבְרֵי הָאסְטוּ שׁוֹין פַארְגֶעסְן?!", אוּן אַזוֹי אִינְמִיטְן שְׁרֵײעֶן אוֹיף אִים, הָאט דֶער צַדִּיק אַרָאפְּגֶעלָאזְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן צְוֵוײ פֶּעטְשׁ אִין פָּנִים. דֶער רֶבִּי הָאט זֵײעֶר גֶעוֵוײנְט, עֶר הָאט אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

***

דֶערְוַוײל אִיז אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע טֶעג, דֶער גַאסְט אִיז גֶעפָארְן וַוײטֶער אִין זַײן וֶועג, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז עֶר דוּרְכְגֶעפָארְן אַ גֶעדֶעכְטֶע וַואלְד. אִינְמִיטְן פָארְן הָאבְּן זֵײ גֶעהֶערְט אַ גֶעשְׁרֵײ קוּמְט אַרוֹיס פוּן טִיף אִין וַואלְד, דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם בַּעַל עֲגָלָה אַז עֶר מֵײנְט אַז עֶר הֶערְט אַ קוֹל פוּן אַ מֶענְטְשׁ שְׁרֵײעֶן אִין וַואלְד, אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט טַאקֶע בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַז עֶר הֶערְט עֶס אוֹיךְ. הָאבְּן זֵײ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דִי קַארֶעטֶע אוּן זִיךְ אַרַײנְגֶעלָאזְט אִין וַואלְד נָאכְצוּגֵײן דֶעם קוֹל.



וֶוען זֵײ זֶענֶען אָנְקוּמֶען אַהִין, הָאבְּן זֵײ גֶעזֶען וִוי אַ אִיד שְׁטֵײט אַײנְגֶעוִוקְלְט אִין טַלִית אוּן תְּפִלִּין, אוּן עֶר שְׁרֵײט מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת דִי קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן פְּסוּקֵי דְזִמְרָה, מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע קוֹלוֹת אוּן בְּכִיּוֹת, אוּן עֶר כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן שְׁטֵײעֶן נֶעבְּן אִים.

דֶער צַדִּיק אִיז גֶעוֶוען זֵײעֶר נֵײגֶעְרִיג צוּ זֶען וֶוער דֶער אִיד אִיז, וָואס דַאוֶוענְט אַזוֹי אִין וַואלְד מִיט אַזַא דְבֵיקוּת אוּן כַּוָּונָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ זֶען וֶוער דָאס אִיז, אִיז עֶר דֶערְשִׁיטֶערְט גֶעוָוארְן צוּ זֶען אַז דָאס אִיז גָאר דֶער זֶעלְבֶּער אִינְגֶערְמַאן וֶועמֶען עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צְוֵוײ פֶּעטְשׁ בַּײ ר' אֶפְרַיִם אִינְדֶערְהֵײם, דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵײלִיגֶער רֶבִּי.

עֶר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן דָארְט וַוארְטְן בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען, אוּן דַאן אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אִים אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אִים אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶעשְׁלָאגְן. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט מוֹחֵל זַײן נָאר בִּתְנַאי אַז עֶר זָאגְט צוּ אַז עֶר וֶועט קֵײנֶעם נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי לַאנְג דֶער רֶבִּי לֶעבְּט.

דֶער צַדִּיק הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַײן בְּרֵירָה אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעמוּזְט פַארְזִיכֶערְן, אָבֶער אַזוֹיפִיל הָאט עֶר יָא גֶע'פּוֹעֶלְ'ט בַּײם רֶבִּי'ן, אַז עֶר זָאל אִים עֶרְלוֹיבְּן צוּרִיקְצוּגֵײן צוּ זַײן שְׁוֶוער ר' אֶפְרַיִם אוּן אִים זָאגְן אַז עֶר זָאל זִיךְ מֶער נִישְׁט מִישְׁן אִין זַײן אֵײדֶעמְ'ס גֶעשֶׁעפְטְן, וַוײל מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵײן דִי וֶועגְן פוּן דִי אֵײנִיקְלֶעךְ פוּן הֵײלִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, עֶר זָאל לָאזְן זַײן אֵײדֶעם זִיךְ פִירְן וִוי אַזוֹי עֶר פַארְשְׁטֵײט.

אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר אִיז גְלַײךְ צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט אִים בַּארוּאִיגְט זָאגְנְדִיג אַז דִי חֲשִׁיבוּת פוּן דִי אֵײנִיקְלֶעךְ פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז גָאר גְרוֹיס, זֵײ הָאבְּן גָאר גְרוֹיסֶע נְשָׁמוֹת, אוּן מְ'קֶען גָארְנִישְׁט הָאבְּן קַײן הַשָּׂגָה אִין זֵײעֶרֶע הֵײלִיגֶע וֶועגְן, אוּן דֶערִיבֶּער זָאל עֶר לָאזְן זַײן אֵײדֶעם זִיךְ גֵײן אִין זַײן וֶועג אוּמְגֶעשְׁטֶערְט. ר' אֶפְרַיִם הָאט דָאס טַאקֶע אָנְגֶענוּמֶען, אוּן פוּן דַאן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵײעֶר מְכַבֵּד צוּ זַײן דֶעם רֶבִּי'ן.

דֶער צַדִּיק הָאט לְמַעֲשֶׂה מַאֲרִיךְ יָמִים גֶעוֶוען אוּן אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אֵײנְמָאל אִיז ר' חֵײקְל, דֶער חַזָּן בַּײם רֶבִּי'ן, גֶעוֶוען בַּײ אִים צוּ גַאסְט, אוּן דֶער צַדִּיק הָאט אִים דַאן דֶערְצֵײלְט דִי גַאנְצֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישׁ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעמָאלְט מִיטְ'ן הֵײלִיגְן רֶבִּי'ן.

אַזוֹי הָאט דֶער הֵײלִיגֶער רֶבִּי גֶעדִינְט דֶעם אֵײבֶּערְשְׁטְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵײט טָאג טֶעגְלִיךְ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ, יֶעדְן טָאג פְלֶעגְט עֶר אַרַײנְגֵײן טִיף אִין וַואלְד אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַײן אוּן רֶעדְן אוּן וֵײנֶען צוּם אֵײבֶּערְשְׁטְן פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת, אוּן צוּמָאל פַאר גַאנְצֶע טֶעג.

פַארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גענומען פון ספר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**

# די קוה האט אויך א דעה



ישראל דוד העסקעל

**"למעשה** די סיבה פארוואס א מענטש איז מחליט זיך צו נעמען דאס לעבן ה"י קומט ווייל ער האט זיך אזוי שטארק ליב און ער האלט פון זיך אזוי גרויס אז ער שפירט אז ס'נישט יושרדיג אז ער - דער גרויסע קנאקער זאל האבן אזא נעבעכדיגע לעבן!"

יא! לייגט איינער צו זיינע קלוגע געדאנקען: "אויך מוז דער זיין גאר סעלפיש ווייל ס'גייט אים בכלל נישט אן אז אנדערע גייען ווערן אפעקטירט!"

אזוי גייט א רויעך (סיי פון די שמועס ווי אויך פון די ציגארעטן) ס'שטייען גרויסע לומדים און מ'גריבלט דורך דעם נושא אדורך און אדורך פארוואס און פארוואס טאקע אבער תכלית למעשה פארוואס?!

אינדרויסן שטייט עפעס א ברסלב'ער יונגערמאנטשיק און מורמל'ט שטיל אז 'אלעס קומט ווייל ס'פעלט אים אמונה!'

פלוצלינג פילט ער זעקס פאר אויגן קוקן אים אן אזוי שטרענג - - וואס הייסט?

דער ברסלב'ער יונגערמאן ווערט נישט פארלוירן ער זאגט עס נאכאמאל איבער: "א מענטש וואס איז מאבד עצמו לדעת ה"י קומט דאס נאר ווייל ער האט נישט קיין אמונה!"

אלעס קוקט - וואס ווילסטו? וואס זאגסטו? וואו קומט דאס יעצט אריין בכלל און אונזער וויכטיגע שמועס וואו מיר טוען דורך גרויסע חכמות דברים העומדים ברומו של עולם ממש!

ער זעט זיי פארשטייען נישט הייבט ער אן מסביר זיין: א מענטש וואס קען טראכטן אויף זיך אז ער איז בעצם אזוי גרויס און אזוי חשוב און דאס אז זיין לעבן איז אזוי ביטער קומט נישט פאר אזא מעכטיגער פערזאן... דאס הייסט אז ביי אים עקזיסטירט נישט דער אייבערשטער בכלל ווייל אויב יא קודם ווי קען זיין אז זיין לעבן איז אזוי ביטער?! דער אייבערשטער וואס האט אים ליב געבט אים אלע זיינע נסיונות! און דאס אז א מענטש האלט אז ער איז אזוי מעכטיג... דאס קומט דאך אויך פון נישט גלייבן, ווייל איינער וואס גלייבט אינעם אייבערשטן זעט איבעראל אז אלעס פירט דער אייבערשטער אין וועלכע מצב איך זאל נאר נישט זיין איז דער רבוש"ע דא מיט מיר און ער באגלייט מיר, איז וואו קען זיין אז א מענטש מיט אמונה זאל קענען טראכטן אז בעצם קומט אים.... און אז בעצם איז ער.... דאס קען דאך נאר זיין ווייל מ'גלייבט נישט אינעם אייבערשטן!

אקעי וואס ווילסטו? אונז רעדן דא אן ערנסטער שמועס ווי אזוי די קאפ פון א מענטש ארבעט... און וואו קומט דאס יעצט אריין בכלל?! קיינער רעדט נישט יעצט פון אמונה... מ'רעדט דא וועגן ערנסטע זאכן... כ'מיין אפשר נעקסטע מאל, יעצט בלייב שטיל!

אזוי שטיי איך דארט אין די זייט (ס'איז געווען גאנץ געשמאק זיך צו באטיטלען 'א ברסלב'ער אינגערמאן...') גוט צומישט צווישן אפאר גרויסע ריזיגע למדנים און מעכטיגע בעלי



כשרון... מ'טוט דורך א שווערע נושא... און איך האב זיך געמוזט אנרופן.... שוין....

מיר גייען צוריק אריין אין זאל צו די שמחה און איך דערמאן זיך אזוי פון דער בלאט גמרא פון יענעם טאג...

די גמרא זאגט: א מענטש זאגט אז דער קוה זאגט אז אויב גייט ער זיך אויפשטעלן זאל איך זיין א נזיר... א מין אינטערעסאנטע גמרא... א מענטש זאגט א קוה זאגט מ'דארף קענען זיין אן ערנסטע בעל כשרון פאר דעם...

אזוי זיץ איך אין זאל נאך מיט דעם ביטערן טעם אין מויל פון פריער... און די גמרא לויפט מיר נאכאמאל אין קאפ ס'איז א מורא'דיגע זאך אלעס איז שטיל קיינער האט גארנישט געזאגט אין דער האט א גאנצע שמועס מיט זיין מוח ער טראכט אז די קוה זאגט אזוי און ער גייט דא ווייזן פאר דעם קוה ער גייט זיך נישט לאזן און למעשה האט די קוה אויסגעפירט...

איך קוק זיך ארום בשעת דער וועיטער פרעגט טשיקען אדער שניצל און איך דארף יעצט מאכן לעבנ'ס החלטה וואס גייט זיין? גייט זיין טשיקן אדער גייט זיין שניצל?! הממממ לאמיר זען... בקיצור... איך זע דארט אין די זייט אפאר ריזיגע למדנים... און איך טראכט אזוי צו מיר...

איך זע ווי איינער קוקט אויף מיר ער דרייט זיך אויס צו די קופקע און שמועסט ווייטער... ער דרייט זיך נאכאמאל ארום צו מיר ער זעט ווי איך זע... דרייט ער זיך שנעל צוריק אויס... אזוי צוויי דריי מאל...

פלוצלונג זע איך ווי ער וועט זיינע טריט דירעקט צו מיר ער כאפט א בענקל ער זעצט זיך לעבן מיר, ער צעגערט נישט ער גייט גראאד צום פוינט...

**זאג מיר וואס האט פאסירט מיט דיר? איז עס אמת?**

וואס? פרעג איך מיט א געמאכטע תמימות...

**דו ביזט דארט אריינגעפאלן ביי זיי?**

וואס הייסט ביי וועמען?

**נא אין ברסלב אין היכל הקודש... ס'איז אמת?**

יא! שכח אייבערשטער!

איך פארשטיי נישט, דו שעמסט זיך נישט? וואס פארקויפט מען דארט וואס מיר האבן נישט? הע? וואס מיינסטו גייסטו זיך זוכן פרעמדע גליקן? דו פארשעמסט דיין משפחה דיינע חברים... בלא בלא בלא....

אזוי זידלט יענער ממש אן קיין רחמנות... באמת וואס איז מיט דיר?

איך קוק אים אזוי אן... **איך קען דיר אפשר עפעס פרעגן?**

יא

**זאג מיר דו דאווענסט דריי מאל א טאג?**

יא זיכער!

**מיט מנין?**

אוודאי!

**דו לערנסט יעדן טאג?**

יא!

**ממש ס'גייט נישט דורך קיין טאג אן לימוד התורה?**

זיכער נישט!

**אינעם אייבערשטן גלייבסטו? האסט אמונה?**

ער קוקט מיר אן כאילו איך בין אראפ פון די לבנה... זיכער וואס איך פארשטיי נישט דיינע נארישע קשיות...

**שלום בית האסטו?**

יא געלויבט דער אייבערשטער

**האסט א מורה דרך?**

יא אוודאי!

**יא?! דו דרייסט זיך ביי ערליכע אידן? דו האסט וועמען צו פרעגן?**

יא זיכער!

**איך הער זייער שיין איז קען איך דיר פרעגן נאך**





**איין קשיא?**

יא -

**וואס פארגינסטו מיך נישט???**

ער איז געבליבן שטיין מיט די צונג אינדרויסן!

פלוצלינג שפיר איך ווי איינער קלאפט מיר פון אונטן... אר יו פינישד?

איך דערוועק זיך ווי פון א טיפע חלום איך קוק צוריק אויפן קופקע זיי שמועסן נאך דארט אבער קיינער קוקט נישט אויף מיר בכלל...

יא די גאנצע מעשה האט זיך אפגעשפילט אין מח... ווייל ווען יענער קומט טאקע מיט די קולות און טענות (און ער איז שוין...) דעמאלט מוז מען זיך האלטן דאס מויל... דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז איינער קומט דיר באוואשן מאך דיך צו דאס מויל און זאג שכח אייבערשטער פאר די בושות...

אבער אין מיין קאפ קען איך ענטפערן אבער נאך ווי.... איך בין אין פול קאנטראל... יענער בלייבט אלץ מיט די צונג אינדרויסן...

וועלכע לימוד האב איך מיטגענומען פון יענער נאכט?

א'
ווען גרויסע למדנים און פקחים רעדן א שמועס מוז נאכנישט זיין אז ס'דא עפעס דארט....

ב'
שעם דיך נישט מיטן הייליגן רבי'ן... זיי שטארק מיט וואס דו האסט.

ג' והעיקר
האלט זיך דאס מויל ווען איינער קומט דיר דרייען א קאפ!


# טראנספארטאציע
## פון קרית ברסלב צום מסיבה

מוצש"ק תרומה הבעל"ט
למספרם FEB. 25

כדי מיר זאלען וויסען וויפעל באסעס צו באשטעלן וועט מען מיזען אפנעמן א טיקעט פון מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו **פריי פון אפצאל** ביז מאנטאג פרשת תרומה.

די באס וועט ארויספארן קיין וויליאמסבורג פונקטליך 7:30 PM

און צוריק 12:00 אי"ה



**געדענקט!** מיט צו ברענגן אייער טיקעט צום באס, אן א באס טיקעט קענען מיר נישט פארזיכערן קיין פלאץ אויף די באס.

די פונקטליכע דעטאלען פון וואו די באס וועט פארן וועט אי"ה שטיין אויף אייער טיקעט.

רענטל קאמפיין

מסיבת הכרת הטוב

ברסלב



### א סעודה
# מיט'ן ראש ישיבה
## פרייטאג צונאכטס - בא תשפ"ג

שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו מיטהאלטן אזא הערליכע שבת'דיגע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א פרשת בא.

ווען איך בין אנגעקומען איז דער ראש ישיבה שוין געזיצן ביים טיש אנגעטון מיט זיין ווייס און גאלדענע בעקיטשע. דער ראש ישיבה האט גערופן די קינדער זאלן קומען זיצן נעבן אים און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן זינגען זמירות מיט א מורא'דיגע פרייליכקייט.

נאכן זינגען זמירות האט דער ראש ישיבה געשמעקט הדסים, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער, ווער ווייסט פארוואס מען דארף האבן צוויי הדסים? און דער ראש ישיבה האט זיי פארציילט אז מען נעמט צוויי הדסים איינס פאר זכר און איינס פאר שמור.

פארן מאכן קידוש האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער זאלן זיך גוט צוקוקן וואס דער ראש ישיבה טוט, אזוי וועלן זיי וויסן וואס צו טון נאך די חתונה. דער ראש ישיבה האט אריינגעגאסן פון די בעכער אין די באטל גרעיפ דשוס דריי טראפס וואסער, איינס פאר חכמה, איינס פאר בינה, און איינס פאר דעת. דערנאך ווען דער ראש ישיבה האט אנגעפילט די בעכער מיט גרעיפ דשוס האט דער ראש ישיבה געגאסן פיר מאל, אנטקעגן די פיר אותיות פונעם אייבערשטנ'ס נאמען. ווען מען געבט צדקה איז עס אויך אנטקעגן די פיר אותיות פונעם אייבערשטנ'ס נאמען. די פעני איז אזוי ווי די י', די פינף פינגערס מיט וואס מען געבט צדקה איז פאר די ה', די הענט וואס מען שטרעקט אויס צו געבן צדקה איז אזוי ווי א ו', און דער ארימאנ'ס פינף פינגערס מיט וואס ער באקומט די געלט איז נאכאמאל ה'.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געטראכט ווער ס'זאל די וואך אופהייבן די בעכער, ווייל ס'איז געווען צוויי געסט, א אינגערמאן וואס זיין ווייב האט געהאט א בעיבי, און א אינגל וואס איז איינגעשטאנען ביי דער ראש ישיבה ווייל זיין מאמע איז אוועקגעפארן אויף שבת. האט דער ראש ישיבה געפרעגט זיין ווייב: "מאמי, ווער זאל היינט אופהייבן די בעכער?" צום סוף האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די אינגערמאן זאל אופהייבן די בעכער, און דער ראש ישיבה האט אים געוויזן ווי אזוי מען הייבט עס אויף מיט אלע צען פינגערס.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געמאכט קידוש מיט א פרייליכקייט, נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געטיילט גרעיפ דשוס פאר אלע אנוועזנדע. איינער פון די קינדער האבן גערעדט נאך קידוש פארן טרינקען די גרעיפ דשוס, האט דער ראש ישיבה אים דערמאנט אז אויב מען רעדט אויס דארף מען מאכן א ברכה בורא פרי הגפן.

שפעטער האט דער ראש ישיבה צוריק אנגעטון די געהעריגע בעקיטשע, און דער ראש ישיבה האט גערופן די קינדער זאלן קומען צו די סינק זיך וואשן. אלע קינדער זענען געשטאנען אין א רייע ביי די סינק און דער ראש ישיבה האט געוואשן די קינדער און זיי געהאלפן מאכן די ברכה.

דער ראש ישיבה האט געמאכט המוציא געטיילט פאר יעדעם חלה, שפעטער האט מען אויך אריינגעברענגט א סאוער דאו חלה וואס איינער האט געשיקט פאר דער ראש ישיבה לכבוד שבת.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז דער אינגערמאן וואס האט דארט געגעסן אז ער האט יעצט געהאט זיין צווייטע קינד, איין קינד הייסט נחמן נתן און איינס הייסט שרה. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז ס'איז זייער היילגע נעמען, נחמן נתן נאכן היילגן רבי'ן און רבי נתן, און שרה איז געווען דעם היילגן רבינ'ס טאכטער. און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז דער רבי האט געהאט אפאר טעכטער, אבער שרה'קע איז געווען מער פון אלע אנדערע קינדער.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געבעטן די קינדער זאלן גיין אריינברענגען די פיש אז מאמי זאל זיך נישט דארפן אופשטעלן אינמיטן די סעודה.

איינער פון די קינדער האט געבעטן אז ער וויל פיש זאפט, האט דער ראש ישיבה אים געגעבן און אים געוויזן ווי אזוי צו עסן חלה מיט פיש זאפט אן דעם וואס ס'זאל רינען אויף די גאנצע טיש. שפעטער האט דער ראש ישיבה קאמפלימענטירט זיין ווייב אז די פיש איז געווען ספעציעל גוט די וואך, און זי האט פארציילט אז זי האט אביסל געטוישט די רעצעפי.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה



געזינגען מיט די קינדער די ניגון לכבוד שבת קודש. פיינע פרישע חלות, פיש, הייסע זופ, לכבוד שבת קודש.

איינער פון די קינדער האבן געבעטן אז ער וויל טרינקען, האט דער ראש ישיבה געזאגט יעצט קען מען שוין האבן גרעיפ דשוס מיט סעלצער, ווייל מען האט שוין געענדיגט עסן די פיש.

איינער פון די קינדער האבן געבעטן אז זי וויל נאך חלה, אבער זי וויל פון די אויבערשטע חלק פון די חלה. דער ראש ישיבה האט פרייליך געמאכט און איר געפרעגט "ווילסט פון אויבן אדער פון אויוון? ווייל עכט די אונטן איז אויך פון אויוון, די גאנצע חלה באקט מען אין אויוון..." די קינדער האבן געלאכט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער וויל עפענען אין שטעטל א השבת אבידה, ווי ס'וועט אנקומען אלע זאכן וואס מענטשן לאזן איבער אין שול אדער אין מקוה, און מען וועט עס דארטן מסדר זיין. די זאכן וואס האבן א נאמען אדער טעלעפאן נומער, וועט מען זיי אנרופן און עס צוריקגעבן. און די איבריגע זאכן וועט מען אויסוואשן און פארקויפן פאר גאר א ביליגע פרייז.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז א פרוי אין שטעטל, האט געשריבן אז זי וויל עפעס העלפן, זי וויל עפעס טון פאר די קהילה. האט דער ראש ישיבה געזאגט איך טראכט איר צו בעטן אויב זי וויל נעמען די מצוה.

ווען מען האט געהאלטן נאך די פיש, האב איך באמערקט אז קיין איין קינד זיצט שוין נישט ביים טיש. כמעט אלע קינדער זענען געווען אין קינדער שטוב און געמאכט דארט א 'פילאו פייט' זיי האבן געווארפן קישענעס איינער אויפן צווייטן. קודם האט דער ראש ישיבה זיי גארנישט געזאגט, אבער שפעטער פארן זינגען זמירות האט דער ראש ישיבה צוריקגערופן די קינדער אז זיי זאלן קומען זיצן ביים טיש און זינגען זמירות. דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין ניין יעריג אינגל: "דו האסט שוין כמעט בר מצוה, קום זינגען שיין זמירות".

מען האט געזינגען זמירות און דערנאך האט מען אריינגעברענגט די זופ. די זופ האט מען סערווירט זייער שיין מיט א גרויסע טעלער אונטער דעם. איינער האט געפרעגט וועגן דעם, האט דער ראש ישיבה געזאגט:

**די שבת סעודה איז אזוי ווי ביי א חתונה, מען ברענגט די עסן אויף די שענסטע און די בעסטע וועג.**

"די שבת סעודה איז אזוי ווי ביי א חתונה, מען ברענגט די עסן אויף די שענסטע און די בעסטע וועג".

צוויי קינדער זענען געזיצן איינס נעבן צווייטן, איינער האט געגעסן מיט די רעכטע הענט און איינער מיט די לינקע הענט, און זיי האבן זיך אריינגעהאקט א גאנצן צייט. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו די וואס האט געגעסן מיט די לינקע הענט: "דער רבי זאגט ווער ס'איז א געלינקסטער איז א סימן אז ער איז געוועזן א ליגנער אינעם פריערדיגן גלגול און מען דארף תשובה טון אויף דעם".

אינמיטן די סעודה האבן די קינדער געפרעגט אויב זיי קענען שוין מאכן די פלעי', האט דער ראש ישיבה געזאגט: "נאך די פלייש וועט מען קענען מאכן די פלעי".

נאך די זופ זענען די קינדער צוריקגעגאנגען שפילן מיט די קישענעס, אבער דאס מאל האבן זיי אריינגעברענגט די קישענעס אין די דיינונג רום. האט דער ראש ישיבה געזאגט שטרענג אז קישענעס קומט אין שטוב, און מען קען עס נישט ברענגען ווי מען עסט.

שפעטער האט מען אריינגעברענגט די פלייש, קוגל און פערפל, און דער ראש ישיבה האט געבעטן מען זאל אויך אריינברענגען אביסל לעבער.

דער ראש ישיבה האט גערעדט וועגן זיין באבע רחל לאה טייטלבוים ע"ה אז איר מאן, הרה"ח ר' אלחנן ז"ל איז אמאל געגאנגען צום סאטמארער רבי'ס טיש שבת הגדול, און ביים טיילן שיריים האט ער געבעטן אויב ער קען אויך האבן אביסל פערפל, ווייל זיין ווייב האט נישט געמאכט קיין פערפל די וואך. האט דער רבי אים געפרעגט פארוואונדערט, 'דיין ווייב האט נישט געמאכט קיין פערפל?!' זי האט געהאט אזא אמונת חכמים, אז פון דעמאלטס האט זי אנגעהויבן מאכן פערפל יעדן טאג. ווען מען איז ארויפגעקומען צו איר איז אלץ געווען פרישע פערפל, און יעדע מאל האט זי פארציילט די מעשה.

שפעטער האט דער ראש ישיבה פארציילט נאך א מעשה; אמאל האבן



זיי געמאכט א וואכנאכט פרייטאג צונאכטס, און דער מוהל פון די מארגנ'דיגע ברית איז געגאנגען צום סאטמארער רבי'ס טיש. ווען ער איז אנגעקומען פרעגט אים דער רבי, דו גייסט נישט צו די וואכנאכט פון ר' אלחנן? האט ער געענטפערט אז ער איז ענדערש געקומען מיטהאלטן דעם רבינ'ס טיש. האט אים דער רבי געזאגט, דו ביסט דאך די מוהל מארגן, א מוהל דארף גיין צו די וואכנאכט. איז ער אהינגעגאנגען, ער קלאפט אויפן טיר, אבער קיינער מאכט נישט אויף. האט ער פרובירט צו דרייען די הענטל און ס'איז געווען אפן, איז ער אריינגעגאנגען. אריינקומענדיג האט ער געזען ווי ר' אלחנן שלאפט ביים טיש, די לייכטער איז אראפגעפאלן און די פייער האט זיך אנגעכאפט און די גאנצע טיש ברענט! ער האט אים שנעל אויפגעוועקט און מען האט אויסגעלאשן די פייער, ס'איז געווען ווינדערליך ווי דער הייליגער סאטמארער רבי האט אים צוגעשיקט צו די הויז פונקט אין די ריכטיגע מינוט, אויב וואלט ער אנגעקומען נאך אפאר מינוט שפעטער, וואלט שוין געווען דערנאך, די גאנצע הויז וואלט שוין געווען פארברענט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די וואך פרייטאג איז געווען א טיכל געדערינג אין סקול פאר די טיטשערס וואס גייען מיט טיכלעך, ווי דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די שיינקייט פון גיין מיט א טיכל.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז יעצט איז דא אין סקול פיר כלות וואס טוען זיך אן טיכלעך אפילו זייער מאמע גייט נישט מיט דעם, און דער ראש ישיבה האט שטאלצירט מיט דעם אז ס'איז נישט דא נאך אזא זאך אין די גאנצע וועלט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אין א געוויסע סקול האט די מנהלת געהאלטן א דרשה און געזאגט אז מען טוט זיך אן א טיכל ווען מען גייט אין גאס כדי פרעמדע זאלן זיך פארמיאוסן און קיינער זאל נישט וועלן קוקן אויף דיך... דער ראש ישיבה איז געווען זייער ברוגז אויף דעם, דער ראש ישיבה האט געזאגט די נארישע פרווען זיי מאכן מען זאל נישט וועלן גיין מיט טיכלעך, זי לייגט אריין אין די קינדער אז א טיכל איז נישט שיין, אנשטאט זאגן ווי שיין א טיכל איז, זאגט זי אזא טיפשות אז מען גייט מיט א טיכל זיך צו פארמיאוסן, מען האט געזען אויפן ראש ישיבה ווי דאס טוט אים זייער

**יעצט איז דא אין סקול פיר כלות וואס טוען זיך אן טיכלעך אפילו זייער מאמע גייט נישט מיט דעם, און דער ראש ישיבה האט שטאלצירט מיט דעם אז ס'איז נישט דא נאך אזא זאך אין די גאנצע וועלט.**

וויי, דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז ס'איז פונקט פארקערט, א טיכל איז שיינע זאך, צניעות איז שיין.

דער ראש ישיבה האט צוגערופן זיין קליינע טאכטער און איר געפרעגט, מיט וואס ווילסטו גיין נאך דיין חתונה, מיט א שיינע טיכל אדער מיט לאנגע לאקשן אויפן קאפ? זי האט געלאכט און געזאגט אז זיכער וויל זי גיין מיט א שיינע טיכל.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז פון זיין חתונה האט ער אלס געטראכט 'איך האב די בעסטע ווייב' וואס טראכטן אנדערע מענטשן, זיי ווייסן אפילו וואס מיינט א גוטע ווייב? איך האב די בעסטע ווייב! און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעדער קען עס זאגן אויף זייער ווייב, אז ער האט די בעסטע ווייב.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז איינער האט אים פארציילט אז ס'איז דא איינער וואס ברענגט אהיים יעדע וואך די קרית ברסלב בלעטל נאר צו חוזק מאכן, ער מישט אויף צו די שבת טיש און ער ציילט אפ וויפיל מאל ס'שטייט די ווארט ווייב, און די גאנצע משפחה לאכט, און דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט, דאס זאלסטו אויך שרייבן אין די שבת טיש.

דער ראש ישיבה'ס טאכטער האט אנגעהויבן צו אפרוימען פון טיש און זי האט געוואלט אוועקווארפן די איבריגע פלייש פון די טעלערס. דער ראש ישיבה האט עס באמערקט און איר פארגעהאלטן, פארוואס ווארפסטו אוועק גוטע פלייש?!

שפעטער האט מען געבענטשט, און נאכן בענטשן האבן אנגעהויבן ארויפקומען בחורים און געסט צו די באטע. מען האט אריינגעברענגט גוטע זאכן און שאקאלאד, איינע פון די קינדער האבן גענומען א שאקאלאד און געוואלט אנהייבן עסן, אבער דער ראש ישיבה האט אים שנעל דערמאנט 'יוסף, א ברכה!' מען טאר נישט גנב'ענען!

דער ראש ישיבה האט פארציילט אויף די אינגערמאן וואס האט דארט געגעסן אז ער האט זייער א הייליגע ארבעט, ער איז דער קעכער אין שטעטל חדר ער קאכט עסן פאר די קינדער אז זיי זאלן האבן כח צו לערנען. און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אויך איז ער צווישן די אפיס און



די מלמדים, ער מאכט שלום. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט גוט געכאפט די לימוד פון ישיבה, צו שאקלען מיט די קאפ. די אפיס קומט זאגן אז מען טאר נישט געבן קיין זאלץ פאר די מלמדים, שאקלט ער מיט די קאפ. די מלמדים קומען בעטן זאלץ, שאקלט ער מיט די קאפ און ער געבט זיי, ער מאכט זיכער ס'זאל זיין שלום.

שפעטער האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם אז דער אינגערמאן האט אלס בחור זייער אסאך געהאלפן די ישיבה, ער פלעגט אויסקערן און אויפוואשן יעדן טאג, און ער האט אסאך געהאלפן מיט וואס מען האט געדארפט. מען זעט אז די אלע וואס האבן געהאלפן די ישיבה האבן שיין חתונה געהאט און זיי האבן א גוטע לעבן.

יעדע פאר מינוט זענען די קינדער געקומען פרעגן, מען קען שוין מאכן די פלעי? קודם האט דער ראש ישיבה געזאגט יעצט קען מען שוין זיך צוגרייטן צו די פלעי, און נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט נאך צען מינוט, און נאכדעם נאך צוויי מינוט, ביז דער ראש ישיבה האט געזאגט יעצט קען מען שוין קומען מאכן די פלעי. די קינדער זענען געקומען אנגעטון פארשטעלט מיט יעדע סארט שמאטע וואס זיי האבן נאר געטראפן, און דער ראש ישיבה האט געגעבן אסאך עטענטשן פאר יעדע קינד.

די קינדער האבן נישט געוויסט וואס צו זאגן, זיי זענען סתם געווען פארשטעלט. דער ראש ישיבה האט זיי געהאלפן און געפרעגט פון וואו קומען ענק? ווער זענען ענק? און דער ראש ישיבה האט זיי געזאגט אז זיי זאלן זינגען די ניגון, א מחי' א גרויסע משפחה, נאך א בעיבי נאך הצלחה.

אויך האבן זיי געזינגען די ניגון "עס וועט נאך ווערן בעסער, דארפסט נאר רעדן צום באשעפער, ער איז פון אלעם גרעסער, תפילה עפנט אלע שלעסער...".

נאכדעם האט מען געזינגען זמירות און דער ראש ישיבה האט גערופן די קינדער זאלן קומען זיצן ביים טיש און זינגען. אינמיטן זינגען האב איך באמערקט אז דער ראש ישיבה האט אנגעטון זיין שטריימל פאר איינער פון די קינדער, און ער זינגט זייער שיין זמירות.

דערנאך האט דער ראש ישיבה פארציילט אז ס'שטייט פון הייליגן רבי רבי אלימלך פון ליזענסק זכותו יגן עלינו פארוואס האט משה רבינו געדארפט אזויפיל מאל גיין צו פרעה? ווייל דער אייבערשטער האט הארט געמאכט פרעה'ס הארץ. זאגט דער הייליגער רבי אלימלך זכותו יגן עלינו ווען א מענטש זעט אז ער זיין הארץ איז הארט, איז אים נישט גענוג צו גיין צו א צדיק איין מאל און שוין, מען דארף גיין צו א צדיק נאכאמאל און נאכאמאל ביז מען הייבט אן פאלגן די עצות.

און דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז ווי לאנג א מענטש טוט די עצות וואס דער ראש ישיבה רעדט ביי די דרשות, איז ער זיך מחי' מיט יעדע שיעור וואס ער הערט און ער וויל נאר הערן נאך און נאך. אבער ווי נאר מען הערט אויף צו טון די עצות, ווערט מען גלייך נערוועז פון די שיעורים, די מענטש אליין כאפט אפילו נישט פארוואס. א מענטש וואס זאגט משניות, ער רעדט צום אייבערשטן, איז ער זיך מחי' צו הערן נאכאמאל און נאכאמאל זאג משניות, רעד צום אייבערשטן. אבער א מענטש וואס טוט עס נישט, ווערט ער נערוועז פון דעם.

שפעטער האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו דעם אינגערמאן וואס האט דארט געגעסן, איך וויל דיך פרעגן א שאלה: פארוואס רעדט מען אויף מיך אין שטעטל?! פארוואס לויפט מען מיך נאך? איך זוך נישט קיינעם צו איינטיילן וואס צו טון, איך מעג אבער בויען א קהילה פאר די וואס ווילן זיך פירן אויף די וועג וואס איך האב מקבל געווען פון מוהרא"ש, פארוואס לויפט מען מיך נאך? פארוואס זוכן מענטשן מיך צו איינטיילן וואס צו טון, ווי אזוי צו פירן די מוסדות?

דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט: "איך וויל האבן א שטעטל פון בטלנים, פון מענטשן וואס ווייסן גארנישט, יעדע זאך פרעגן זיי דער ראש ישיבה". און דער ראש ישיבה האט ווייטער געזאגט: פארוואס קומט מען קיין ליבערטי? ווען מען וויל מיך אויסשפילן?! פון די שטאט ביז די שטעטל איז דא אזויפיל שיינע פלעצער וואו צו וואוינען, פארוואס לויפט מען מיך נאך?

און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט אז ער זאל איבערגעבן פאר אלע וואס וואוינען אין שטעטל, ווער ס'וועט אים פרעגן וואס מען האט גערעדט ביי די סעודה זאל ער זאגן אז דער ראש ישיבה האט געפרעגט פארוואס מענטשן קומען וואוינען אין שטעטל צו איינטיילן פאר דער ראש ישיבה וואס צו טון.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט, יעצט זאל יעדער פארציילן עפעס א מעשה פון תפילה, א מעשה פון הפצה אדער א דשאוק. מען איז ארומגעגאנגען אין א סדר און יעדער האט געהאט די געלעגנהייט צו פארציילן עפעס, און דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט גוט שבת! גוט שבת!

דער ראש ישיבה האט געבעטן אז מען זאל נישט בלייבן שמועסן אינדרויסן, נאר מען זאל גלייך אראפגיין אונטן אינדרויסן פון די בילדינג אז די שכנים זאלן נישט ווערן געשטערט.

שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו מיטהאלטן אזא הערליכע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א.

# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך




מוהרא"ז זי"ע באזוכט אין קעמפ - שנת תשס"ט

1. מו"ה יעקב פיש הי"ו
2. מו"ה מענדל פריעד הי"ו
3. מוהרא"ש זי"ע
4. מו"ה אלימלך גראס הי"ו
5. מו"ה אברהם משה שטראסער הי"ו
6. מו"ה אשר יעקב בלום הי"ו
7. מו"ה ראש ישיבה שליט"א
8. מו"ה הערשל זאבעל הי"ו
9. מו"ה מרדכי אינדיג הי"ו

## שיקט ארײן אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל**

# קלאסיפייד'ס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## קרית ברסלב ספרים סטאר
51 Twin Bridge Liberty NY 12754

עס איז יעצט דא א גרויסע סעיל אויף אלע
מדרשים פון זכרון אהרן ביז 30% אראפ

זוהר מתוק מדבש גרויסע רעגעלער $525 יעצט $439
קליינע רעגע $400 יעצט $339

ארטסקרול ש"ס בבלי גרויסע רעגע $2600 יעצט $2000
קליינע רעגע $2300 יעצט $1750

ארטסקרול ש"ס ירושלמי רעגע $1800 יעצט בלויז $1400

לייבי ראטה
347-578-4449

בס"ד

## KB BUSINESS SOLUTIONS
BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com

## בשורה טובה!

א פוס דאקטאר וועט אראפקומען אין
שטעטל זונטאג תרומה, פאר קינדער און
ערוואקסענע וואס קענען געניסן פון ספעציעלע
orthopedic wear

זיך איינצושרייבן ביטע רופט
(845) 859-9800
צווישן 12:00 און 6:00

די אנדערע צייטן ביטע לאזט א קלארע
מעסעדזש מיט אייער נאמען און טעלעפאן
נומער און מיר וועלן אייך אי"ה צוריק רופן.

פלאץ איז באגרעניצט, שרייבט אייך איין וואס פריער!

דאס איז נאר פאר די וואס זענען נישט געווען אין די זומער.




For all your Plumbing needs big or small 24 Hour emergency
Call Lazer Maintenance
**917-202-1206**

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*


## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244
יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618
יואל וועבערמאן – 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566
ראובן בירנבוים – 347-549-5625

KB POWER
ELECTRIC AND PLUMBING
347·666·8029
KBPOWER27@gmail.com
Hotline: 845·351·0910

KB GROUP®
property management
and construction team
845-637-5367

LOUNGE
computer + comfort

מיד ווילן לאזן וויסן אז עס איז שוין דא אהערגעשטעלט פיינע קאפי אינעם לאונטש.

אויך ווילן מיד לאזן וויסן אז די קרעדיט קארט בייס וועדנדיג מאשין ארבעט שוין.

אויך גיבט שוין די ווענדיג מאשין צוריק טשענדז.

פאר סיי וואס פאר א פראגע ביטע רופט מאטי היימליך

א הערליכע שיינע דירה אין קרית ברסלב ליבערטי שטייט צו פארדינגען פאר שבתים און ימים טובים.

עס האט דריי גרויסע בעדרומ'ס, מיט א גרויסע קאך און דיינונג רום.

צו באשטעלן רופט
845-637-5367

# מחנה אילן החיים

ליבערטי ניו-יארק

מחנה
אילן החיים
מוסדות היכל הקודש ברסלב
בנשיאות מורינו
הראש ישיבה שליט"א

א מחי' איז צו מתבודד זיין אינטער די ביימער

**מיט גרויס פרייד**

טוען מיר מודיע זיין אנשי שלומינו, אז מען קען שוין דינגען א באנגעלוי אין מחנה אילן החיים פארן קומענדיגן זומער הבא עלינו לטובה.

**צו דינגען א באנגעלוי רופט:**
**מו"ה ישעי' איידליס הי"ו**
**347-831-1391**

# מיט / אָן אַ צדיק

ח.ש.

## „עס ליגט אין דיינע הענט"

קינדער אריין אין בעט,
עס איז שוין שפעט.
צאמפאקן אלע שפילערייען,
קום זען ווער גייט מאמי דערפרייען.

קינדער אריין אין בעט,
עס איז שוין זייער שפעט.
שנעל צאמפאקן אלע שפילערייען,
פאר איך הויב אן שלאגן און שרייען.

מאמי פארוואס יעצט,
מאמי די שפיל איז פונקט יעצט פעסט.
מאמי פארוואס נאר אונז גייען שלאפן פרי,
מאמי איך האב היינט געכאפט א ברי.

מאמי נאכנישט יעצט,
מאמי די שפיל איז פונקט יעצט פעסט.
מאמי איך וויל נישט גיין שלאפן פרי,
מאמי אאוטש איך האב נעכטן געכאפט א ברי.

קום זען ווער פאלגט שנעל,
רוף איך אויס פון טיר שוועל.
אזעלכע וואוילע קינדער,
נעמען צאם אלעס געשווינדער.

איך האב עפעס געהייסן - שנעל,
שריי איך אויס פון טיר שוועל.
וויפל מאל דארף מען זאגן קינדער?!
שנעל צאמפאקן אלעס געשווינדער.

נישט אריינשטופן די שפילצייג אונטערן בעט,
אייך ווייסן אז אין פושקע עס געהערט.
טוט זיך שנעל אן נאכט קליידער,
קודם די רעכטע געדענקט די סדר.





ווער לייגט אריין אונטערן בעט?
שפעטער זעט באבי אז אלעס איז שמוציג און פעט.
גייט שלאפן היינט מיט די קליידער,
אייך פארדרייען מיר שוין מיין גאנצע סדר.

א מאמע דארף נישט זאגן מער ווי איין מאל,
א מחי'ה אייך מאכן מצות און א צאל.
ווער ברענגט נעגל וואסער מיט א שיסל,
ווער גרייט זיך אן, איך קום קוקן נאך אביסל.

פארוואס דארף איך זאגן אזויפיל מאל,
אייער חוצפה האט נישט א צאל.
ווי קומט אינמיטן צימער א שיסל,
געוואלד! איך האב נישט כח אפילו אביסל.

ליג גלייך און רוק דיין פיס,
צדיק, כאפ נישט אן די דאכענע ריס.
שמע ישראל... דער אייבערשטער טוט היטן,
בשם ה' אלוקי... גוטע מלאכים טוט ער שיקן.

לייג זיך אראפ, רוק דיין פיס,
אין מיין מח עס ווערט באלד א ריס.
נו! שמע ישראל מען טאר נישט ארויסקוקן,
נו! בשם ה', איך לאז זיך נישט רוקן.

א גוטע נאכט לעכטיגע קינדער!
יעצט וועל איך האבן צייט פאר מיר באזונדער.
די גאנצע הויז פאררוימען,
ארייינשטעלן צוריק אין די ראמען.

א גוטע נאכט קינדער,
איך האב עס דורכגעלעבט — וואספארא וואונדער.
מארגן וועל איך די הויז פאררוימען,
יעצט דארף איך ארייינגיין אין די ראמען.

## איז וועלכע לעבן ווילסטו?

מיט א צדיק? אן א צדיק?

## עס ליגט אין דיינע הענט.

# מעשה פון תפילה פאר קינדער

בית פיגא ירושלים פארציילט:










ליפא איינהארן נרו יאיר - לינדען ניו דזשערזי פארציילט:









## לאמיר שפילן
# סודאקא

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 8 | | 1 | | 6 | | |
| 7 | 5 | | 6 | | 8 | | 1 | 9 |
| 6 | | | | 2 | | | | 7 |
| | 2 | 7 | 4 | | 1 | 8 | 3 | |
| 8 | 6 | | | | | | 7 | 4 |
| | 3 | 1 | 5 | | 7 | 2 | 9 | |
| 1 | | | | 7 | | | | 3 |
| 5 | 7 | | 1 | | 2 | | 6 | 8 |
| | | 9 | | 5 | | 7 | | |

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| | | 1 | 4 | | |
| | | | | | |
| | 6 | 4 | | 2 | 1 |
| | | | | 3 | |
| 5 | | 2 | | | 6 |

# ספר המדות
## פאר קינדער

ה. מִי שֶׁאֵינוֹ מְשַׁנֶּה בְּדִבּוּרוֹ, הוּא יָכוֹל לְהַשְׁפִּיל הַגְּבוֹהִים וּלְהַגְבִּיהַּ הַשְּׁפָלִים.

וֶוער עֶס זָאגְט נִישְׁט קַיין לִיגְנְט, קֶען אַרָאפְּנִידֶערְן גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן אוּן אוֹיפְהוֹיבְּן קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁן.

# חידות
## אפטיילונג

די חכמים זאגן: משיח וועט קומען נאר בזכות

א. וואס מען לערנט גמרא

ב. וואס מען לערנט משניות

ג. מכבד זיין די עלטערן

ד. וואס אידן זענען בשמחה

### שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי האט זיך אויסגעדריקט אויף דעם ספר המדות, דעם ספר

האט מיר געמאכט פאר א איד

### געווינער פון פאריגע וואך

שפרה זוסמאן תחי' - קרית ברסלב

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

# טרעף

## די פאלגענדע ווערטער...

| | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ט | ג | ר | ס | ב | נ | ד | נ | צ | ט | י | ט | ס | ד |
| י | ב | פ | צ | ע | ה | פ | י | ע | ה | כ | כ | ז | ל |
| ה | ט | כ | ה | ט | מ | ק | ט | ק | ש | י | נ | ק | ט |
| ו | ו | פ | ב | ב | מ | ה | ל | מ | א | פ | ח | ר | מ |
| ל | ק | ע | ק | ל | נ | א | פ | ח | ס | ד | ו | ב | ע |
| צ | פ | פ | ת | ט | ת | פ | ח | ח | י | ל | ח | ט | ל |
| ש | ט | י | ק | מ | מ | ס | ז | נ | מ | ש | א | ש | י |
| צ | ת | ג | ש | ע | ט | י | ו | ז | ב | ט | נ | ר | ק |
| ס | ש | ו | מ | נ | צ | ח | ג | נ | ב | ע | ו | י | כ |
| ב | ו | ר | ש | ח | א | ה | ע | ה | ל | מ | י | י | נ |
| צ | כ | מ | ד | מ | ג | ה | ג | א | ד | ג | א | ז | א |
| ד | צ | פ | ט | פ | ש | ז | ב | ר | י | נ | י | ע | א |
| צ | ד | ו | ג | ח | ע | צ | פ | ב | ר | ע | ל | כ | נ |
| י | ק | נ | ע | ז | נ | כ | מ | י | ב | מ | ר | ש | א |
| י | ת | ל | ב | ה | ט | ע | ט | א | ט | ל | ב | י | פ |
| ג | ד | י | ע | ש | נ | ז | ר | ש | פ | כ | ח | ת | ד |
| ג | ח | א | ט | א | ט | ע | ב | ר | נ | צ | ב | צ | צ |

טאטע
איך שריי צו
דיר טאטע
איך בעט פון
דיר טאטע
נעם אן
מיין געבעט

# טרעף

## די וועג פון איין
## צייט קעסטל צום
## צווייטן...





# קליין און שיין



אליעזר שלמה יאקאבאוויטש נרו יאיר
קרית ברסלב




נחמן נתן בלום נרו יאיר קרית ברסלב



## שיקט אריין
## א בילד
## פון אייער קינד




# בילדער
## אפטיילונג

**הילולת מוהרא"ש זי"ע אין בני ברק**




מו"ה נתן לב הי"ו פון מכון קרן הדפסה היכל הקודש אין בני ברקביים אויפטרעטן




דער עולם הערט צו די דרשה פונעם גבאי מו"ה אבא חייא רייזמאן הי"ו




הילולת מוהרא"ש זי"ע אין בית שמש




הילולת מוהרא"ש זי"ע אין טברי'




מען לערנט פאר דעם דף גמרא אין היכל הקודש טברי'




פלאקאטן וואס רופן צו די וואס ווילן מנדב זיין די סעודת הילולא אין היכל הקודש טברי'

קרעדיט: אליעזר דייטש



הילולת מוהרא"ש זכותו יגן עלינו ביים ראש ישיבה שליט"א אין היכל הקודש וויליאמסבורג

קרעדיט: ברוך יאקאבאוויטש



הילולת מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אין שטעטל

קרעדיט: יונתן שור



תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים ביים גיין קיין יבניאל צום ציון פון מוהרא"ש ביומא דהילולא

קרעדיט: משה ראזענבערג



הילולת מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אין ירושלים



ביים ציון מוהרא"ש ביומא דהילולא

קרעדיט: נפתלי זאבעל



תלמוד תורה קרית יואל ביים ציון פון מוהרא"ש'ס מחותן הרב משאפראן זצ"ל אין טאג פון מוהרא"ש יארצייט.



הילולת מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אין לאנדאן


קרעדיט: שלמה אהרן בליקזילבער

**כיתה ב' אין שטעטל בייס כאפן א געשמאקן שפאציר אויף די פרישע לופט**


קרעדיט: הערשל זאבעל

**שיעור בהלכות טהרה אין היכל הקודש מאנסי פונעם דיין דקהילתנו שליט"א**


קרעדיט: יוסי פרערויא

**שיעור ליל ששי פרשת יתרו אין היכל הקודש בארא פארק**



**ביים טישל וואס מען פארקויפט די גליונות נאכן שיעור**


קרעדיט: אייזיק ראטה


קרעדיט: אייזיק ראטה

**ביים ברית פון בן הרב אלחנן רוטה שליט"א, ברודער פונעם ראש ישיבה שליט"א**


קרעדיט: יוסי פרערויא

**סעודת ברית לבן מו"ה שלום שניטצלער הי"ו אין ישיבה**


קרעדיט: אברמי פריעדריך

**סעודת ברית לבן מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו אין ישיבה**

דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין שטעטל - ה' יתרו







אין די אפיסעס פון "פעסט בילד" פירמע




ביים אדורכגיין מיט די הנהלה וויכטיגע איינצעלהייטן




ביים פארציילן א מעשה פאר די קינדער







באזוכט אין די קלאסן פון חדר




באזוכט אין בית הדפוס




באזוכט אין אפיס פון מכון עצתו אמונה